עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

## הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

קונטרס י"ב

"איש בל יעדר"

# תוכן השיחה

געוואלדיגע רצונות!

זיין ב'כליון עיניים' איז נישט קיין וועג

"כל העולם כולו תלוי בזה"

"והזהיר לעשות כרוז" וואס מיינט עס?

די שמחה אז מ'איז געווען ביים 'קיבוץ'..

אבי זיין ביים רבי'ן

"אמונת חכמים" אין אונזרע לייט

די 'אהבה ואחדות' ביים קיבוץ..

ווען 'אונזרע לייט' וואלטן זיך געהאלטן צוזאמען..

מיר זאלן נישט זיין קיין שלימזלניק'ס!

דער רצון און ברען אז 'אלע זאלן זיין'..

זיין אין מירון – נאר מיט אריכות אפיים!

ס'איז שוין צייט צו רעדן..

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 9<1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2<12

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' יוסף מרדכי מנה שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
ובזכות מצוות זיכו הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מעריכת הקונטרס נתנדב
ע"י ר' יואל צבי שיף שליט"א
לרגל הולדת בנו אלימלך למז"ט
ובזכות מצוות זיכו הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מהוצאות עריכת הקונטרס נתנדב
לע"נ
ר' יעקב לייב בן ר' יוסף
ת.נ.צ.ב.ה.
הונצח ע"י המשפחה

*חדש!* ישמח לב מבקשי ה' **קו רוחא דחיי** 02.3.02.47.43 שמעו ותחי נפשכם!

# "אִישׁ בַּל יֵעָדֵר"

## דער 'רצון', דער 'כרוז', און די 'שמחה':

### אלע זאלן זיין ביים רבינ'ס קיבוץ ר"ה

[שיחה שנמסרה בחבורת האברכים ירושלים – ו' תמוז תשפ"א]

## געוואלדיגע רצונות!

[הנוכחים משוחחים כמה דקות לגבי שמועות שונות בענין ר"ה האם זה נכון והאם יש לחשוש בכלל ולנסוע מוקדם. ובתוך הדברים אחד שואל אותו על מי שאינו יכול לנסוע מוקדם וכו' האם צריכים מסירות נפש?] וואס פרעגסטו מיר זאכן וואס איך ווייס נישט.. - ווער ווייסט צו זאגן פונקט וואס מען דארף טאן.. ס'איז אלעס זאכן וואס מ'טוט; יעדער איינער טוט וואס ער מיינט אז דאס דארף מען טאן.

דער עיקר וואס מ'דארף איז אסאך רחמים. [אחד הנוכחים: ר' נתן זאגט אין ליקוטי תפילות 'ותעזרני לשבר כל המניעות[א]', ר' נתן זאגט נישט ותעזרני **שתשבר** כל המניעות – **אונז** דארפן בייקומען די מניעות] איך האב געבעטן יעצט, איך האב געבעטן אויף דעם אויך: רבונו של עולם, העלף ס'זאל נמתק ווערן אלע דינים, דעם [קומענדיגן] ראש השנה זאל

**א.** ליקו"ת תפילה ע"ו: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יוֹדֵעַ גֹּדֶל הַחִיּוּב לִנְסֹעַ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְגַם אַתָּה יוֹדֵעַ אֶת עֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל זֶה מִכָּל הַצְּדָדִים. חוֹמֵל דַּלִּים, **חוּס וַחֲמֹל עָלֵינוּ וְעָזְרֵנוּ וְזַכֵּנוּ לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת, וְהוֹרֵנוּ דְּרָכֶיךָ וְהַדְרִיכֵנוּ בַּאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

קענען זיין א אפענע ראש השנה פאר אלעמען, יעדער איינער, איש בל יעדר. און טאמער ווילסטו עפעס אנדערש און מען דארף האבן ריכטיגע עצות ווי אזוי צו זאך ראטעווען אין דעם - איז העלף מיר זאל איך האבן די ריכטיגע עצות ווי צו זאך ראטעווען אין דעם.. (און יא זוכה זיין צו אנקומען צום רבינ'ס ראש השנה).

ס'איז צוויי אנדערע ענינים, מ'דארף דא א גרויסע המתקה פארן כלל. און ווייטער דארף מען אויך וויסן וואס מ'האט אליין צו טאן.

דער מציאות, דער מציאות וואס איז געווען פאר א יאר (תש"פ), אז נאר א 'מיעוט' [פון ציבור] איז געווען, איז א גרויסער חיסרון, ס'איז א גרויסער חלל. אוודאי, ס'איז זיכער אז די אלע רצונות איז געוואלדיג געוואלדיג, בפרט יעדער איינער וואס האט געוואלט אמת'דיג ממש. אויף וואס שטייט "**מעלה עליו כאילו עשאה**[ב]" - אוודאי, אוודאי אויף דעם מיינט עס - ס'איז געווען געוואלדיגע רצונות!

אבער אף על פי כן, דער רבי זאגט[ג] אז מיר זאלן זיך נישט קילן, מיר זאלן זיך נישט קילן מיט דעם! ווייל מיר זוכן נישט קיין 'פטור', מיר זוכן

---

**ב.** ברכות דף ו:

**ג.** ראה ליקו"מ תורה ס"ו: כִּי אֵין לְהָאָדָם לִפְטֹר אֶת עַצְמוֹ וְלִמְצֹא לְעַצְמוֹ תֵּרוּץ, עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה לוֹמַר שֶׁהוּא חָפֵץ לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר רַק שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ מֵחֲמַת הַמְּנִיעָה וְהָאֹנֶס, וְעַל כֵּן יִהְיֶה נֶחֱשָׁב לוֹ כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו): **"חָשַׁב לַעֲשׂוֹת מִצְוָה, וְנֶאֱנַס וְלֹא עֲשָׂאָהּ, כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ"**, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֹנֶס, נֶחֱשָׁב כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אֲבָל כָּל זֶה נֶאֱמַר עַל מִי שֶׁרוֹצֶה לָצֵאת בָּזֶה אֲזַי יוֹצֵא בָּהּ, כִּי מַה לּוֹ לַעֲשׂוֹת כִּי יֵשׁ לוֹ אֹנֶס. **אֲבָל מִי שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לָצֵאת רַק שֶׁהוּא רוֹצֶה הַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ אוֹ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת הוּא חָפֵץ בְּהַדָּבָר עַצְמוֹ, אִם כֵּן מַה מּוֹעִיל לוֹ, מַה שֶּׁמְּקִלִּין לוֹ שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ, כִּי אֵינוֹ מְקָרֵר דַּעְתּוֹ כְּלָל בָּזֶה כִּי הוּא תָּאֵב וְחָפֵץ וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד, לַעֲשׂוֹת הַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ וְלֹא לָצֵאת עִם הַ"כְּאִלּוּ, שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ"** כִּי בֶּאֱמֶת רָאוּי לְאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי שֶׁיִּגְמֹר חֶפְצוֹ וּרְצוֹנוֹ בְּכָל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל. וַאֲזַי, כְּשֶׁחוֹשֵׁק מְאֹד בֶּאֱמֶת וְאֵינוֹ מְקָרֵר דַּעְתּוֹ כְּלָל בַּמֶּה שֶׁנֶּחְשָׁב עָלָיו כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ אֲזַי בְּוַדַּאי יִגְמֹר הַדָּבָר וְיוֹצִיאוֹ מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל וְיִשַׁבֵּר וִיבַטֵּל כָּל הַמְּנִיעוֹת וַאֲנָסִים, כִּי הֵם לֹא בָּאוּ רַק בִּשְׁבִיל הַחֵשֶׁק וּכְשֶׁיֵּשׁ לוֹ הַחֵשֶׁק הָרָאוּי לְאוֹתוֹ הַמְּנִיעָה, כְּפִי גֹּדֶל מַעֲלַת הַנֶּחֱשָׁק אֲזַי מִמֵּילָא נִתְבַּטֵּל הָאֹנֶס וְהַמְּנִיעָה. [וראה גם בשיחות הר"ן י"ד].

נישט קיין פטור - מיר זוכן צו זיין, מיר זוכן אז אלע זאלן זיין, מיר ווילן ס'זאל זיין דער רבינ'ס רצון [אז] "איש בל יעדר".

אין די רצונות [אליין] איז דא אן א שיעור מדריגות; מען קען מער ווען און נאך מער וועלן, און נאך מער וועלן[ד].. - אבער דער עיקר איז די אמונה, ווי ווייט מיר ווייסן ווי וויכטיג דאס איז..

איינער האט מיר געזאגט אז אין בית שמש אין עפעס א שול איז דארטן דא א גבאי א ברסלב'ער - האט ער געשריגן דארטן צום גאנצן עולם [די נישט ברסלב'ער]: **איר דארפט מתפלל זיין אז מיר זאלן זיין ביים רבין!** איר קענט נישט אליין פארן, אבער איר דארפט מתפלל זיין - דער רבי האט געזאגט אז "לא מבעיא אתם כולכם, אלא כל העולם כולו תלוי בזה", דארפט איר מתפלל זיין אז מיר זאלן זיין.

די גאנצע וועלט דארף דעם רבי'נס ראש השנה, **"איש בל יעדר"**. מ'דארף מאכן א כרוז אז אלע זאלן זיין. דאס דארף זיין אויך די רצונות, אז אלע זאלן זיין..

## זיין ב'כליון עיניים' איז נישט קיין וועג

ס'איז דא א בריוו וואס ר' נתן שרייבט פאר זיין זוהן[ה]. ס'געווען א יאר וואס זיין זוהן איז נישט געווען (ביים קיבוץ), **ער איז געווען נישט געזונט איז ער**

---

**ד.** ראה בליקו"ה ערב ג', א וראה גם בחיי"מ רכ"ה.

**ה.** ראה על"ת מכתב רכ"ז ממוצאי שבת עקב תקצ"ו: בְּנִי חֲבִיבִי. קִבַּלְתִּי מִכְתָּבְךָ, וְהָיָה לִי לְנַחַת בִּרְאוֹתִי עֹצֶם תְּשׁוּקַת רְצוֹנְךָ הַטּוֹב וכו' וַאֲשֶׁר אַתָּה חוֹשֵׁב מֵהַיּוֹם עַל נְסִיעַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **אִם אָמְנָם יָפֶה שֶׁיִּהְיֶה רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּמַחֲשָׁבָה כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. אֲבָל שֶׁיִּהְיֶה לְךָ צַעַר עַתָּה מֵהַמְּנִיעוֹת, בָּזֶה לֹא צָדַקְתָּ**, כִּי כְּבָר דִּבַּרְנוּ שֶׁאֵין לַחֲשֹׁב מִיּוֹם לַחֲבֵרוֹ. **וּבִפְרָט שֶׁלְּדַעְתִּי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לֹא יִהְיֶה לְךָ עַתָּה יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם כְּמוֹ אֶשְׁתַּקָּד וְלֹא פָּחוֹת מֵהֶם, וְלִפְטֹר בְּלֹא כְּלוּם אִי אֶפְשָׁר**. אַדְּרַבָּא רָאוּי לְךָ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מַה שֶּׁיְּמֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין, וְתִזְכֶּה לִהְיוֹת עַל צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ. וּכְבָר דִּבַּרְתִּי שֶׁמַּה שֶּׁאֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁצְּרִיכִין לַעֲשׂוֹת בְּלִי סָפֵק, אֵינוֹ נֶחֱשָׁב

נישט געווען. איך מיין אז ס'איז געווען טאקע תקצ"ה, אנהויב צ"ה איז ער געווען נישט געזונט. און איבער א יאר (תקצ"ו), איז ער שוין געווען פארזארגט וואס וועט זיין מיט דעם רבינ'ס ראש השנה..

איז ער געווען פארזארגט וועגן ראש השנה - שרייבט אים ר' נתן: ס'איז זייער גוט אז דו זארגסט, אבער אף על פי כן, דארפסט נישט אזוי מורא האבן.. איך האף אז ס'וועט נישט זיין אזעלכע מניעות אזוי ווי דו האסט געהאט פאר א יאר - ס'וועט נישט זיין אזעלכע מניעות, און אויך נישט ווייניגער, זאגט ער. אביסל מניעות וואס מ'דארף, איז ווייל מ'דארף האבן חשק, [אבער] דער ראש השנה דארף נישט אנקומען מיט אזעלכע שווערע מניעות - אז ס'איז דא אזעלכע שווערע מניעות דארף מען [עס] ממתיק זיין.

[**אחד הנוכחים**: איינער וואס האט א ישיבה אין 'ראשון לציון' פאר בעלי תשובות, האט מיר געזאגט אז ס'איז דא דארטן מענטשן וואס האבן ממש פחדים אז מען וועט נישט קענען קומען אויף ראש השנה - האב איך אים געזאגט פון דעם בריוו..] אויף דעם זאגט ר' נתן, פחדים איז נישט קיין וועג, פחדים וואס ברענגט ביטול תורה תפילה, פון פחדים (- טוט מען גארנישט אויף..).

[**אחד הנוכחים**: ס'איז געוויסע סארט מניעות וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען (ביי אונז); פחדים, כליון עינים, ספיקות, בלבול הדעת..] אבער מ'דארף זיך שטארקן, מ'דארף זיין שטארק, מ'דארף נישט בלייבן אין 'כליון עיניים', ס'איז נישט קיין וועג, ס'איז א גרויסער.. (- טעות).

פאר א יאר איז פון איין זייט ס'האט גורם געווען אסאך אסאך בלבול הדעת, אסאך ביטול תורה און תפילה, ס'איז געווען אינגאנצן נישט דער

---

כְּלָל יִסּוּרִים וּמְנִיעוֹת כְּלָל, בִּפְרָט לַחֲשֹׁב מַה שֶּׁיִּהְיֶה אַחַר כָּךְ. וְאֵין לְהַאֲרִיךְ בָּזֶה כִּי כְּבָר שָׁבַרְתָּ הַרְבֵּה מְנִיעוֹת, וְקִוִּיתִי לַה' שֶׁעַתָּה תִּסַּע בְּנָקֵל בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנִי לְקַבֵּל בִּילֶעט מְהֵרָה, וְאֶזְכֶּה לִהְיוֹת בְּקָרוֹב שָׁם בְּאוּמַאן. [וראה שם במכתב רכ"ח: וְעַתָּה תִּתְחַזֵּק בִּישׁוּעַת ה' אֲשֶׁר עֲזָרָנוּ עַד הֵנָּה, וּתְצַפֶּה לִישׁוּעָתוֹ תָּמִיד שֶׁיְּזַכְּךָ לָבוֹא לְאוּמַאן עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה **בְּלִי יִסּוּרִים גְּדוֹלִים**.]

ריכטיגער מציאות; דער רבי האט געהאלטן פון "ישוב הדעת", דער רבי האט נישט געהאלטן אז מ'זאל זיין אין כליון עיניים[ו].

ס'איז אסאך לייכטער פאר א מענטש צו זיין אין 'כליון עיניים', און אויפהערן צו דאווענען און לערנען, זיך ארומדרייען צופייפט אינגאנצן.. - ווי צו בלייבן ווייטער דינען דעם אויבערשטן, און מתפלל זיין, און זיך שטארקן..

[**שואל:** מניעות וואס ברענגט בלבול הדעת, איז א ראיה אז ס'איז נישט קיין ריכטיגע וועג?] ס'האט נישט מיט קיין ראיות - דער בלבול הדעת איז נישט קיין ריכטיגע זאך! א מענטש זאגט אז ער האט מניעות, ער האט בלבול הדעת, קיינער האט נישט געהייסן האבן בלבול הדעת.. ס'דארף א המתקה, יא, אז ס'איז דא א שווערע מניעה דארף מען עס ממתיק זיין. וואס טוט דער מענטש, ער מיינט אז מיט דעם וואס ער האט בלבול הדעת, מיינט ער מיט דעם איז ער עוסק אין 'שבירת מניעות'. ס'איז נישט קיין שבירת מניעות, מ'טוט גארנישט אויף.

[**שואל:** אבער ס'איז א מציאות וואס ווערט, 'מניעות' מאכט בלבול הדעת..] ס'איז נישט קיין מציאות, ס'איז נישט קיין מציאות. ר' נתן שרייבט[ז] ביי די גזירות, ווען ס'איז געווארן די גזירות פון די פונקטין[ח] - אז מ'זאל זיך משתתף זיין אין צרות

---

**ו.** ראה עלי"ת מכתב ז' ומכתב ל"ו.

**ז.** ראה עלי"ת מכתב ל"א: וּמְאֹד נִפְלֵאתִי עָלֶיךָ עַל שֶׁעוֹלֶה עַל לִבְּךָ פַּחַד מֵעִנְיַן הָאָטְשֶׁעֶרֶעד [צֻו גִיּוּס] כִּי הוּא רַק מָרָה שְׁחוֹרָה בְּחִנָּם. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו יָחוּס עַל עַמּוֹ וְיַצִּילֵם מֵעַתָּה מִגְּזֵרָה הַמָּרָה הַזֹּאת. **אֲבָל חָלִילָה לְךָ לְהִתְפַּחֵד בְּחִנָּם וּלְבַלְבֵּל עַצְמְךָ מִמְּעַט עִסְקְךָ בַּעֲבוֹדַת ה'. אִם אַתָּה רוֹצֶה לְהִשְׁתַּתֵּף בְּצָרוֹת יִשְׂרָאֵל בְּוַדַּאי יָפֶה לְךָ לְהִתְפַּלֵּל וְלִצְעֹק מָרָה עַל גְּזֵרָה זֹאת - אֲבָל הַכֹּל עַל פִּי דְּרָכִים שֶׁלִּמְּדָנוּ מוֹרֵנוּ הַקָּדוֹשׁ זַ"ל, דְּהַיְנוּ לְיַחֵד שָׁעָה בְּיוֹם לִצְעֹק עַל צָרוֹת נַפְשׁוֹ וְאָז יִכְלֹל בְּתוֹכוֹ גַּם צְעָקָה הַזֹּאת אֲשֶׁר בְּיָמֵינוּ נִגְזְרָה גְּזֵרָה מָרָה כָּזֹאת, אוּלַי יָחוּס אוּלַי יְרַחֵם. אֲבָל גַּם עַתָּה צְרִיכִין לְחַזֵּק עַצְמוֹ לִהְיוֹת כָּל הַיּוֹם בְּשִׂמְחָה עַל כָּל הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁנִּמְצָאִים בָּנוּ עֲדַיִן,** הֱקִיצוֹתִי וְעוֹדִי עִמְּךָ. נָא בְּנִי חֲבִיבִי אַל תַּמְשִׁיךְ עָלֶיךָ חַס וְשָׁלוֹם מָרָה שְׁחוֹרָה בְּחִנָּם, וְחָלִילָה לְךָ לָזוּז מִמְּקוֹמְךָ מֵחֲמַת זֶה; שָׁלוֹם לְךָ אַל תִּירָא, וּכְמוֹ כֵן שְׁאָרֵי הַדְּאָגוֹת וּמָרָה שְׁחוֹרָה שֶׁלְּךָ כֻּלָּם בְּחִנָּם, וְאֵינָם מוֹעִילִים כְּלָל וּמַזִּיקִים הַרְבֵּה רַחֲמָנָא לִצְלַן.

**ח.** "**פּוּנְקְטִין**" - רשימת גזירות של הצאר הרוסי (אלכסנדר הראשון) שכונו "פעולות בנוגע ליהודים" ובאידיש כונו "פּוּנְקְטִין" (נקודות) ותכליתם הייתה להעביר את בנ"י על דתם בגזירות שונות, והעיקריות שבהם היו גזירת החינוך ללמד את בנ"י חכמות ולשונות העמים (ראה חיי"מ

ישראל. [אבער ווען זיין זוהן אין געווען וועגן דעם אין דאגות און בלבולים] **האט ער געזאגט אז מען טאר נישט אזוי זיין - ממעט זיין? פון די ביסל תורה תפילה דארף מען אויך ממעט זיין?! - ווייל ער וויל זיך משתתף זיין אין צרות ישראל** – [האט ער געזאגט:] **ניין, מ'דארף זאך מיישב זיין, און מ'דארף זיין פריילאך א גאנצן טאג** (און ביי התבודדות שרייען אויף דעם).

[**שואל**: אבער ס'איז א זאך וואס ווערט נאטורליך?] אלע בלבולים ווערט נאטורליך - **אבער דער רבי האט אונז שטארק אנגעזאגט אויף שמירת המחשבה!** דער גאנצער "עלים לתרופה" רעדט פון שמירת המחשבה[ט].

איינמאל שרייבט ר' נתן פאר זיין זוהן[י]: אז דאס וואס דו שרייבסט מיר אז כפי דרכך אז דו טראכסט איבער יעדע זאך, ממילא איז דיר זייער שווער. זאגט ער - וועגן דעם רעדט מען טאקע; ווער זאגט אז אזוי דארף זיין די וועג!?

[**שואל**: אבער די בילבול הדעת איז נישט סתם, בעיקר איז דאס 'חלוקת העצה'; מען ווייסט נישט וואס צו טאן?] דער עסק איז נישט צו עוסק זיין אין חלוקת העצה. וועסט טראכטן

---

תי"א), והגזירה הקשה והנוראה לקחת את ילדי ונערי ישראל לצבא (ראה חיי"מ שיהר"ן קל"א וחיי"מ א). הדיבורים על הגזירה כבר התחילו בשנות התקס"ג, אולם הגזירה בפועל התחילה בשנת תקפ"ז (ראה בפל"ח תורה ה, ב. ובחיי"מ א' בהוספת המעתיק ושם באות ו'), והמכתב הזה כתב מוהרנ"ת בשנת תקצ"א.

**ט.** ראה הקדמת המעתיק לספר על"ת.

**י.** ראה על"ת מכתב תל"א: רַק זֹאת בָּאתִי לְעוֹרֶרְךָ **עַל מַה שֶּׁאַתָּה רָגִיל לִכְתֹּב בְּכָל פַּעַם שֶׁלְּפִי דַּרְכְּךָ לַחֲשֹׁב הַרְבֵּה בְּכָל דָּבָר, עַל כֵּן יֵשׁ לְךָ יִסּוּרִים וּבִלְבּוּלִים כָּאֵלֶּה. וְעַל זֶה בָּאתִי לַהֲשִׁיבְךָ, כִּי הוּא גּוּפָא קַשְׁיָא. כִּי אֵין זֶה חִיּוּב חַס וְשָׁלוֹם לַחֲשֹׁב הַרְבֵּה, אַדְּרַבָּא אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זַ"ל הִזְהִירָנוּ הַרְבֵּה לְבִלְי לַחֲשֹׁב הַרְבֵּה.** וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ שֶׁזֶּה הָעִנְיָן שֶׁנִּקְרָא אִיבֶּער טְרַאכְטִין [לַחֲשֹׁב יוֹתֵר מִדַּאי] מַשְׁלִיךְ אֶת הָאָדָם מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְּלַן. **וְאִם אַתָּה רָגִיל בָּזֶה מִכְּבָר, הַהֶכְרֵחַ שֶׁתִּשְׁתַּדֵּל לְשַׁבֵּר זֹאת וּלְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם לְהַסִּיחַ דַּעְתְּךָ אוּן נִיט אִיבֶּער טְרַאכְטֶען [וְלֹא לְהַרְבּוֹת מִדַּאי בְּמַחֲשָׁבָה] בְּשׁוּם דָּבָר**, בִּפְרָט בְּעִנְיַן מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְרַעְיוֹנִים רָעִים צְרִיכִין לִבְרֹחַ מֵהֶם לְגַמְרֵי, וְלִבְלִי לַחֲזֹר מַחֲשַׁבְתּוֹ לַאֲחוֹרָיו כְּלָל. וְלִשְׁכֹּחַ לְגַמְרֵי בְּכָל עֵת מַה שֶּׁעָבַר תְּחִלָּה. וראה מכתב רצ"ט: רַק חֲזַק וֶאֱמַץ וְהָסֵר מִלִּבְּךָ כָּל רִבּוּי הַמַּחֲשָׁבוֹת הַיְתֵרוֹת שֶׁהֵם נִקְרָאִים אִיבֶּער טְרַאכְטִין שֶׁאַתָּה רָגִיל בָּזֶה מְאֹד, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִשְׁמָרְךָ מֵהֶם מֵעַתָּה.

אזוי - ווערסט ענדיגן, ווערסטו טראכטן אזוי.. שפעטער ווערסטו טראכטן אויף צוריק - וואס האסטו פון דעם?

[**שואל**, אבער זיך מתעלם זיין פון גארניש טאן?! מען דארף דאך עפעס טאן..] אז דו ווייסט נישט וואס צו טאן - דער טראכטן וועט דיר גארנישט מאכן זאלסטו מער טאן! - וואס האסטו פון דעם? ס'מאכט גארנישט..

וויפל מ'דארף טראכטן, וואס איז נוגע למעשה דארף מען טראכטן - אבער מער פון דעם דארף מען נישט טראכטן. **אנשטאט דעם דארף מען מרבה זיין בתפלה; מ'בעט דעם אויבערשטן, מ'לערנט די גרויסקייט פון ראש השנה**, מ'רעדט פון דעם, מ'חזרט. מ'דארף חזר'ן, מ'דארף פשוט חזר'ן, נאכאמאל נאכאמאל..

[**באמצע נכנס אחד שישב בכלא (על קדושת ירושלים) ורח"ב פונה עליו:** ברוך מתיר אסורים, אשריך! מיר זענען 'אסורים' אין די הענט פון יצר הרע, מיר זיצן אין שטוב.. דו האסט זוכה געווען, ביסט א "בן חורין" - האסט זיך געגאנגען איינזעצן..]

## "כל העולם כולו תלוי בזה"

ברענג מיר דער "**חיי מוהר"ן**" - לאמיר טאקע לערנען אביסל פון אינעווייניג וועגן דעם רבינ'ס ראש השנה:

**אָמַר, הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל. וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ־הַשָּׁנָה.** (חיי מוהר"ן ת"ג)

**"אמר, הראש השנה שלי עולה על הכל"** - מיין ראש השנה איז גרעסער ווי אלעס, ס'גייט אריבער איבער אלעס, [ס'איז איבער] אלע גרעסטע זאכן[יא]!

---

**יא.** ראה חיי"מ ת"ו: אַחַר־כָּךְ עָנָה הוּא ז"ל וְאָמַר בְּקוֹל חָזָק מֵעֹמֶק הַלֵּב: וּמָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, הַיְנוּ מִלִּהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן בְּקוֹל זִיעַ סַגִּיא: "**ווי אַזוֹי זָאל**

**"והיה פלא אצלי, מאחר שהמקורבים שלי מאמינים לי, ולמה לא יזהרו כל האנשים המקורבים אלי שיהיו כולם על ראש השנה"** - וויבאלד אז זיי גלייבן אין מיר, פארוואס זאלן זיי נישט זיין זהיר אז אלע זאלן זיין – **"איש לא יֵעָדֵר"**. ס'איז משמע, אז מ'האט אמונה, מ'האט אמונה; זיי גלייבן אין מיר - נאר מ'דארף זיין זהיר אז אלע זאלן זיין, "כל האנשים המקורבים אלי שיהיו כולם על ראש השנה".

א מענטש, ער פריידט זיך אז ער איז געווען, ער פריידט זיך אז ער איז געווען.. – [אבער, ס'איז נישט גענוג] אלע דארפן זיין.

**"כי כל ענין שלי הוא רק ראש השנה"** - גאר מיין זאך איז ראש השנה! נאר ראש השנה, מיין גאנצע זאך מיינער איז נאר ראש השנה!

אז דעם רבי'נס זאך איז ראש השנה - איז נישט גענוג אז דו קומסט, אז דו קומסט איז דיין זאך - אבער ס'דארף זיין אז דער רבי'נס זאך איז ראש השנה, אז אלע זענען דא. ס'נישט [נאר] דיין זאך, אז דו ביסט געווען, נו ביסטו געווען.. - אבער וואס וועט זיין מיטן רבי'נס זאך, דעם רבינס ראש השנה.. - וואס וועט זיין מיטן רבי'נס ראש השנה?!

ס'פעלט א ראש השנה - פאר א יאר האט געפעלט א ראש השנה אין די וועלט. קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך אויבן, אבער אסאך מענטשן זאגן אז ווער ווייסט צו אלע זאכן וואס האט זיך געטאן אויף דער וועלט אין דעם יאר - איז נישט פון דעם חיסרון פון ראש השנה..

---

**אִיךְ אַייךְ זָאגִין, קַיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַאר הַאנֶין"**. ועוד שם: וּמִכְּלַל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁדִּבֵּר אָז עִמָּנוּ לָמַדְנוּ כַּמָּה דְּבָרִים. לָמַדְנוּ עוֹד הַפַּעַם עֹצֶם גֹּדֶל הַחִיּוּב לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. כִּי אַף־עַל־פִּי שֶׁיָּדַעְנוּ זֹאת מִכְּבָר, אַף־עַל־פִּי־כֵן מֵרִבּוּי דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים אָז בָּזֶה, וּמִתְּנוּעוֹתָיו הַנּוֹרָאוֹת אָז, הֵבִינוּ עֹצֶם הַחִיּוּב יוֹתֵר וְיוֹתֵר, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר זֹאת בִּכְתָב. וראה על"ת מכתב כ"ט: **כִּי רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלָּנוּ גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁאֵין לְמַעְלָה מִמֶּנּוּ.**

מ'דארף ממתיק זיין דינים, ס'איז נישט קיין פשוטע זאך! די וועלט; ס'איז דא אסאך דינים, מ'דארף עס ממתיק זיין! בפרט בעקבתא דמשיחא וואס ס'איז א בחינת עיבור[יב], דארף מען מער ממתיק זיין - **ס'זאל נישט זיין קיין "מקשה לילד", ס'זאל זיין באמת א הולדה,** ס'זאל ווערן א גאולה. מ'דארף דאך ממתיק זיין, מ'דארף ממתיק זיין כלל ישראל, מ'דארף ממתיק זיין אלע 'חבלי לידה', אלע חבלי משיח זאל זיין נמתק, משיח זאל קומען אן קיין שום צער, אָן קיין שום שאדן נישט. - **דער ראש השנה איז המתקת הדינים פון א גאנץ יאר[יג]!**

---

**יב.** ראה ליקו"ה תפילין ה, כ"ט - לא: וְעַל-כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא וכו' כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ, עַל-כֵּן הוּא מִתְגַּבֵּר מְאֹד וכו' **כִּי הַגָּלוּת הוּא בְּחִינַת עִבּוּר וּכְשֶׁיּוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת זֶהוּ בְּחִינַת לֵידָה** כְּמוֹ גְּאֻלַּת מִצְרַיִם שֶׁנִּקְרֵאת לֵידָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקְאֵל טז), "ומולדתיך בְּיוֹם הֻלֶּדֶת אוֹתָךְ וְכוּ'" וְכֵן בִּגְאֻלָּה אַחֲרוֹנָה כְּתִיב (יְשַׁעְיָה ס'), "כִּי חָלָה גַּם ילדה צִיּוֹן אֶת בָּנֶיהָ" וכו'. וְעַל-כֵּן בְּסוֹף הַגָּלוּת מִתְגַּבֵּר הַגָּלוּת בְּיוֹתֵר, כְּמוֹ שֶׁהָיָה בְּמִצְרַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ה'), "וּמֵאָז בָּאתִי אֶל פַּרְעֹה לְדַבֵּר בְּשִׁמְךָ הֵרַע לָעָם הַזֶּה וְכוּ'" וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם), "תִּכְבַּד הָעֲבוֹדָה וְכוּ'" זֶה בְּחִינַת קִשּׁוּי הוֹלָדָה, בְּחִינַת (שָׁם י"ג) וַיְהִי כִּי הִקְשָׁה פַּרְעֹה לְשַׁלְּחֵנוּ **וְכֵן כָּל הַיִּסּוּרִים וְהַצָּרוֹת שֶׁסּוֹבְלִים עַכְשָׁיו בְּסוֹף הַגָּלוּת הָאַחֲרוֹן הַזֶּה, הֵם בְּחִינַת חֶבְלֵי לֵידָה** כְּמוֹ "הָרָה תקריב לָלֶדֶת תָּחִיל תִּזְעַק בַּחֲבָלֶיהָ" וְכוּ' וְעִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַגָּלוּת שֶׁמִּתְגַּבֵּר עַכְשָׁיו ח"ו, הוּא מַה שֶּׁהַבַּעַל דָּבָר מִתְגַּבֵּר מְאֹד עַל נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל לְרַחֲקָם מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר גָּלוּת וְצָרוֹת הַנֶּפֶשׁ וכו'. [..] וְעַל-כֵּן עַכְשָׁיו בְּסוֹף הַגָּלוּת שֶׁאָז מִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר בְּיוֹתֵר, שֶׁהוּא בְּחִינַת זוּהֲמַת הַנָּחָשׁ, בְּחִינַת קְלִפַּת הָמָן-עֲמָלֵק, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת חֶבְלֵי מָשִׁיחַ, שֶׁהֵם בְּחִינַת חֶבְלֵי לֵידָה מַמָּשׁ כַּנַּ"ל, בְּחִינַת קִשּׁוּי הוֹלָדָה כַּנַּ"ל, **כִּי עַכְשָׁיו הַחֶבְלֵי לֵידָה וְקִשּׁוּי הוֹלָדָה כְּבֵדִים הַרְבֵּה יוֹתֵר מְאֹד מִקִּשּׁוּי הוֹלָדָה שֶׁל גְּאֻלַּת מִצְרַיִם, מֵחֲמַת שֶׁעַכְשָׁיו תִּהְיֶה הַגְּאֻלָּה אַחֲרוֹנָה**, שֶׁהִיא גְּאֻלָּה שְׁלֵמָה שֶׁאֵין אַחֲרֶיהָ גָּלוּת עוֹד וכו' [..] וְעַל-כֵּן עִקַּר תִּקְוָתֵינוּ עַכְשָׁיו לָצֵאת מֵהַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה וּלְבַטֵּל הַקִּשּׁוּי הוֹלָדָה שֶׁל הַגְּאֻלָּה שֶׁמִּתְגַּבֵּר עַכְשָׁיו מְאֹד בִּכְלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל וּבִפְרָטִיּוּת אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד שֶׁרוֹצֶה לִכְנֹס בְּדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ, עִקַּר תִּקְוָתֵינוּ הוּא עַל-יְדֵי כֹּחַ הַצַּדִּיקִים הַנַּ"ל וכו' וְעַל-יְדֵי זֶה נִזְכֶּה לִגְאֻלָּה שְׁלֵמָה וכו' בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

**יג.** ראה ליקו"מ תורה ס"א, ותורה רי"א.

## "והזהיר לעשות כרוז" וואס מיינט עס?

וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז[יד] שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ. וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם" (נְחֶמְיָה ח), וְזֶה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. (חיי"מ ת"ג)

"**והזהיר לעשות כרוז**", מ'דארף מאכן א כרוז - וואס איז דער כרוז? - "**כל מי שסר אל משמעתו ומקורב אליו, יהיה על ראש השנה אצלו**". יעדער איינער דארף מאכן א כרוז; ס'דארף זיין שטארק אויסגערופן ביי אונז - אז אלע וואס פאלגן דעם רבי'ן, אלע זאלן קומען אויף ראש השנה, "**לא יחסר איש**".

[שואל: וואס מיינט עס, סתם כפשוטו?] א כרוז! וואס הייסט וואס? [שואל: וואס, מאכן א רמקול?] דו ביסט באקוועם צו ארבעטן מיט א רמקול, ארבעט מיט א רמקול. מיר איז נישט באקוועם צו האלטן א רמקול.. [**שואל**: איך פרעג וואס וויל דער רבי פון מיר, דער רבי רעדט צו מיר - וואס מיינט עס בכלל?!] טראכט אריין ווי אזוי דו קענסט עס מקיים זיין! אין אלע זאכן דארפסטו טראכטן ווי אזוי דו קענסט עס מקיים זיין..

[**שואל**: וועגן דעם פרעג איך אייך..] איך ווייס וואס דו קענסט מאכן? יעדער איינער קען מאכן - איך רעד יעצט דא, טראכט איך אז איך רעד צו מיינע חברים, איז מאך איך א כרוז - דו רעדסט צו דיינע חברים, איז..

---

**יד.** וראה עוד בחיי"מ ר"כ: וְגַם מִכְּבָר דִּבֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה שֶׁהוּא מַזְהִיר וּמְצַוֶּה לְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לִשְׁמֹעַ וּלְצַיֵּת אוֹתוֹ שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. וְאָמַר שֶׁהָיוּ צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת כְּרוּז וְכוּ' כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר (לְקַמָּן תג) וְדִבֵּר מִזֶּה הַרְבֵּה כַּמָּה פְּעָמִים:

[**שואל**: אז מ'זאגט פאר מענטשן, הייסט עס מאכן א כרוז?] **יא! 'הזהיר לעשות כרוז', מ'זאל אויסרופן, רעדן פון דעם, מכריז זיין.. "והזהיר לעשות כרוז"; מאכן א גרויסן עסק פון דעם, א גרויסן אויסרוף: "כל מי שסר אל משמעתו ומקורב אליו יהיה על ראש השנה אצלו!"**

נישט מוותר זיין אויף קיינעם, נישט זאגן שוין די פּאָר עובדים זענען געפארן.. ס'איז נישט גענוג - **"כל מי שסר אל משמעתו"**; ווער ס'האט 'משמעת' ביים רבי'ן דארף פארן, אז נישט פעלט אין משמעת.. דער רבי וויל מ'זאל פארן! ביי אונז רעדט מען, דער רבי האט געהאלטן פון דרך ארץ פון משמעת[טו]; מ'דארף קומען צום רבי'ן – **"לא יחסר איש!"**

**"ומי שזוכה להיות על ראש השנה ראוי לו לשמח מאד מאד"** - און ווער ס'איז געווען ביים רבי'ן ראש השנה, האט ער צו זיין פריילאך - 'ראוי לו לשמוח מאד מאד'!!

אין עלים לתרופה[טז] שטייט: **"צריך לשמוח מאוד מאוד כל השנה"**, דארטן שטייט 'כל השנה'! דאס גייט אלץ אריין אין דעם וואס דער רבי האט דא מזהיר געווען אז די אלע וואס גלייבן אין מיר דארפן קומען, און אז ווער ס'איז געווען ביים רבי'ן ראש השנה דארף ער זיין פריילאך א גאנץ יאר!

איז דער רבי זאגט דא צוויי נייע זאכן אין דעם ראש השנה: איין זאך, אז אלע דארפן זיין, און מ'דארף מאכן א כרוז. יעדער איינער דארף זיך שטארק פארען (עוסק זיין אין דעם)! און די צווייטע זאך, אז ווער ס'איז געווען דארף זיין פריילאך א גאנץ יאר.

ער פרעגט וואס הייסט א כרוז - ביז דו ווייסט, 'עד שיצא הספק מלבו', ביז דו ווערסט וויסן! כל זמן דו ביסט נאכנישט זיכער אז ס'הייסט א 'כרוז', דארפסטו טאן צו אויפרייסן אויפן רבי'נס ראש השנה!

---

**טו.** ראה "רוחא דחיי" קונטרס ד' מאמר ר"ה למלכים (עמ' לא - לד).

**טז. מכתב ר"נ** (מובא לקמן בשלימותו בהערות).

[**שואל:** שרייען צום אויבערשטן הייסט א כרוז?] אויך איינע פון די וועגן, אבער ס'איז נאכנישט אלעס, נישט מ'איז יוצא מיט דעם, [ס'איז] איינע פון די וועגן..

[**שואל:** צעטלאך אין די גאסן? וואס גייט אריין אין די הגדרה פון א כרוז?!] צעטלאך אין די גאסן? איך ווייס נישט צו מ'דארף צעטלאך אין די גאסן, שטייט אז מ'דארף רעדן צו די 'כל מי שסר אל משמעתו', צו רעדן, צו די ברסלב'ער חסידים דארף מען רעדן.. [**שואל:** צעטלאך אין ברסלב'ער שול?] די שאלה צו צעטלאך איז מוסיף.. אפשר, קען זיין.

[**אחד מהנוכחים:** אפשר די וואס הענגען צעטלאך אין די גאסן גלייבן אין ניגון "מי שמאמין בהשם יתברך צריך לבוא", דערפאר הענגען זיי צעטלאך אין די גאסן אז אלע זאלן קומען..] עס איז א לשון פון ר' אברהם שטרנאהרץ, דאס איז א שמועס פאר זיך - אבער דאס שטייט דא בפשטות אז 'כל מי שסר אל משמעתו', אז דער רבי האט געוואלט אז אלע [וואס גלייבן און פאלגן אים] זאלן זיין.

[**שואל:** אבער עס איז דא א לשון אין חיי מוהר"ן יח, "**לא מבעי אתם כולכם.. אלא כל העולם תלוי בזה**"..] יא, יא - אז די גאנצע וועלט דארפן האבן אז 'מיר' זאלן זיין. **די גאנצע וועלט איז תלוי אין דעם וואס 'מיר' קומען צום רבין ראש השנה.** דא שטייט נישט אז דער רבי האט געהייסן אז זיי זאלן קומען, דא שטייט נישט דאס - דא שטייט אז די גאנצע וועלט איז תלוי אין דעם ראש השנה, ס'שטייט נישט אז זיי דארפן קומען. [איך זאג נישט אז זיי דארפן נישט קומען, נאר עכ"פ וואס ס'שטייט שטייט, דאס ווייס איך.]

---

**יז.** ראה טובות זכרונות אות ח: ואז אמר רבינו ז"ל מה שכבר נדפס בחיי מוהר"ן אצלי העיקר הוא ר"ה וכו', ואח"כ הרים אדומו"ר ז"ל א"ע מכסאו שישב עליה, וענה בקול רם ואמר בזה"ל: איך וואלט גיוואלט אז יעדער פין מיינע מענטשין פין אוואסיר שטאט ער איז, אז ער וועט קומען אהיים זאל ער מאכין אכרוז, **אז ווער סי גלייבט אין השי"ת זאל פארין אויף ר"ה צו הצדיק הק' מוהר"ן**. [..] כך שמע זקיני אבי אמי מפי מוהרנ"ת ז"ל.

**יח.** חיי"מ ת"ה: לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלִּי.

## די שמחה אז מ'איז געווען ביים 'קיבוץ'..

עכ"פ, דא שטייט אבער א גרויסער זאך, אז דער ראש השנה איז א "קיבוץ". אינטרעסאנט - ר' נתן אין אסאך פלעצער, אויך אין דעם פלאץ, אין דעם בריוו (מכתב ר"נ) וואס ער שרייבט דארטן אז "ראוי לשמוח, אז מ'איז געווען ראש השנה ביים רבי'ן, כל השנה" - דערמאנט ער אז מיר זענען געווען ביים 'קיבוץ' יט.

דאס הייסט, אז ס'איז נישט נאר [אז] דו דארפסט קומען צום רעבן - ס'איז דא א מענטש זאגט 'איך דארף קומען צום רבי'ן' - ס'נישט דו דארפסט קומען צום רבי'ן, ס'דארף זיין דער קיבוץ ביים רבי'ן, ס'דארף נתקבץ ווערן דער קיבוץ פון מענטשן. ס'דארף נתקבץ ווערן, אז אלע זאלן זיין. און דאס איז אויך די שמחה, די שמחה איז אז איך בין פונעם קיבוץ. [**אחד הנוכחים:** תורה ס"א רעדט פון דעם ענין.. "אור צדיקים ישמח"].

יא, אבער ביי דער סעיף אליין זעהט מען אז אלץ דרייט זיך ארום דעם, דער סעיף דא אין חיי מוהר"ן, אלץ דרייט זיך ארום דער קיבוץ. ערשטנ'ס, אז מ'דארף מאכן א כרוז אז אלע זאלן זיין, און אויך דאס וואס שטייט אין המשך אז 'ראוי לשמוח' זאגט ר' נתן אויפן קיבוץ. די שמחה איז נישט וואס איך בין אליין געווען, די שמחה איז וואס מיר זענען געווען בתוך הקיבוץ.

ס'איז א בריוו פון סוכות תקצ"ח, זאגט ר' נתן כ: "**ואל תשכח שתהילה לא-ל היית על ראש השנה הזה בתוך עדה קדושה ונורא כזאת**", ער

---

**יט.** וראה מכתבי שמואל מ"ח: און ר"ה דארף מען טראכטען גוטע מחשבות אז השי"ת וועט אונז גוטס טאהן, און בכי' מתוך שמחה, **און מקשר זיין מיט אלע קיבוצים פון אנ"ש "בתוך עמי אנכי יושבת" און אכלו מעדנים וכו' כי חדות ה' מעוזכם.**

**כ.** מכתב ר"נ: **וְאַל תִּשְׁכַּח שֶׁתְּהִלָּה לָאֵל הָיִיתָ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַזֶּה בְּתוֹךְ עֵדָה קְדוֹשָׁה וְנוֹרָאָה כָּזֹאת. וּכְבָר הִזְהִירָנוּ הוּא זַ"ל** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תג) **שֶׁמִּי שֶׁהוּא אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

דערמאנט אפילו נישט דעם [רבינ'ס] ציון - ביסט געווען אויף ראש השנה, בתוך עדה קדושה נורא כזאת. "**וכבר הזהירנו הוא ז"ל שמי שהוא אצלו על ראש השנה צריך לשמוח כל השנה, ואמר בפירוש "אכלו מעדנים ושתו ממתקים כי חדוות ה' הוא מעוזכם"**.

ער זאגט אז מ'דארף [זיין פריילאך] א גאנץ יאר, 'אכלו מעדנים' גייט (ארויף) אויף א גאנץ יאר. א גאנץ יאר דארף זיין "אכלו מעדנים ושתו ממתקים" אויף דעם וואס מ'איז געווען ביים רבי'ן אויף ראש השנה. **א גאנץ יאר קען מען זיין פריילאך און פריילאך אויף דעם וואס מ'איז געווען ביים רבי'ן אויף ראש השנה.**

**"בתוך עדה קדושה ונוראה כזאת".**

איז דא א גרויסע נקודה דא, ס'דארף זיין א אנדער סארט התעוררות, די התעוררות דארף זיין אז אלע זאלן זיין, אלע זאלן זיין.. מ'קען זיך נישט קילן מיט דעם וואס איך בין זיך פאר זיך אליין מסודר. אוודאי דארף מען טאן אלץ וואס מ'קען מ'זאל אנקומען - **אבער מ'דארף אָן א שיעור בענקען און מתפלל זיין, אז אלע זאלן זיין ביים רבי'ן ראש השנה.**

ווער ס'איז געווען פאר א יאר האט געזעהן, מ'האט געזעהן דעם חלל, מ'האט געזעהן אז "**דרכי ציון אבילות**[כא]", ס'געווען א חלל דארטן..

## אבי זיין ביים רבי'ן

אֶחָד אָמַר לְפָנָיו שֶׁהָיָה נִיחָא לוֹ יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל שַׁבַּת תְּשׁוּבָה וְלֹא עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, כִּי אֵין לוֹ מָקוֹם לַעֲמֹד שָׁם בְּבֵית־הַמִּדְרָשׁ, וְגַם

---

**צָרִיךְ לִשְׂמֹחַ בְּכָל הַשָּׁנָה**. וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", כִּי הַמִּקְרָא הַזֶּה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**כא.** ראה חיי"מ שט"ו: הַדְּרָכִים מְבַקְשִׁים אֶת תַּפְקִידָם, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (אֵיכָה א) עַל פָּסוּק **דַּרְכֵי צִיּוֹן אֲבֵלוֹת**, שֶׁהֵם מִתְאַבְּלִים עַל שֶׁפָּסְקוּ עוֹלֵי רְגָלִים שֶׁהָיוּ עוֹבְרִים עֲלֵיהֶם. וְכֵן אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם

אֵין לוֹ אַכְסַנְיָא טוֹבָה לֶאֱכֹל וְלָלוּן, וּמֵחֲמַת זֶה דַּעְתּוֹ מְבֻלְבֶּלֶת מְאֹד וְאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה, עַל־כֵּן הָיָה טוֹב לְפָנָיו יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בִּזְמַן אַחֵר וְלֹא בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה. הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אִם לֶאֱכֹל אִם שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל, אִם לִישֹׁן אִם שֶׁלֹּא לִישֹׁן, אִם לְהִתְפַּלֵּל אִם שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל (רְצוֹנוֹ לוֹמַר: שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה כָּרָאוּי) אַךְ וְרַק שֶׁתִּהְיוּ אֶצְלִי עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "יָא עֶסִין נִיט עֶסִין, יָא שְׁלָאפִין נִיט שְׁלָאפִין, יָא דַאוִוינֶען נִיט דַאוִוינֶען, אַבִּי דוּ זָאלְסְט בַּיי מִיר זַיין אוֹיף רֹאשׁ־הַשָּׁנָה". (וּבֶאֱמֶת כָּל דְּבָרִים אֵלּוּ הַנַּ"ל הֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּפִתּוּיִים שֶׁל הַבַּעַל דָּבָר, כִּי תּוֹדָה לָאֵל נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁעַל־פִּי הָרֹב מִתְפַּלְּלִין יוֹתֵר בְּכַוָּנָה בִּכְלַל הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, מִמַּה שֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל בְּבֵיתוֹ). (חיי"מ ת"ד)

[**שואל**: די פארינגלטע (הסוגריים) איז פון ר' נתן?] **בדרך כלל איז עס פון טשערינער רב,** טשערינער רב האט בדרך כלל באווארנט די זאכן וואס זאל נישט מאכן קיין התנגדות. איינער זאגט, ער קומט פשוט און דאוונט נישט.. באווארנט ער עס (אז עס מיינט נישט דאווענען מיט כוונה כראוי**כב**). די אלע שטארקע לשונות וואס ברענגט התנגדות, גיבט ער אכטונג ס'זאל נישט ווערן קיין התנגדות.

אבער פאר א יאר, האב איך זיך געדארפט מחייה זיין ממש מיט די שיחה כפשוטו. איך האב געוועהן ראש השנה ביינאכט, אינמיטן האב איך זיך אנגעהויבן פילן נישט גוט. איך האב נישט געקענט, נישט דאווענען, נישט עסן, ביידע טעג פון ראש השנה, נישט דאווענען נישט עסן כפשוטו ממש. איך האב זיך מחיה געווען אז איך בין ביים רבי'ן. **"יא עסן ניט עסן, יא שלאפן ניט שלאפן"** - גארנישט געקענט אריין נעמען אין מויל, וואס איך האב עפעס אריינגענומען אין מויל, האב איך גלייך אויסגעבראכן - **"אבי דו**

---

שֶׁהֵם נוֹסְעִים וְהוֹלְכִים לַצַּדִּיק הָאֱמֶת כְּשֶׁחַס וְשָׁלוֹם נִפְסַק אֶחָד מֵהֶם וְנִמְנַע מִלִּנְסֹעַ, אֲזַי גַּם **הַדְּרָכִים מִתְאַבְּלִים וּמְבַקְשִׁים אֶת תַּפְקִידָם. כִּי הַדְּרָכִים תְּאֵבִים שֶׁיִּסַּע עוֹד אֶחָד עֲלֵיהֶם לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת**.

**כב.** ולכאורה מוכרח כן מגופא דעובדא, שלא היה לו מקום לעמוד שם בבית המדרש, ודו"ק.

**זאלסט זיין ביי מיר אויף ראש השנה**". ס'מיינט כפשוטו, זייןביים רבי'ן! וויפל דו לייגסט צו כולו רווח - אבער זיין ביים רבי'ן, "אבי דו זאלסט זיין ביי מיר", זאלסט ביי מיר זיין אויף ראש השנה.

זאגט ער: "**ובאמת כל דברים אלו הנ"ל הם רק דמיונות ופיתוים של הבעל דבר, כי תודה לקל נראה בחוש שעל פי הרב מתפללין יותר בכוונה בכלל הקיבוץ הקדוש על ראש השנה, ממה שהיה מתפלל בביתו**". אבער מ'מוז אריבער גיין אזעלכע סארטן בלבולים, אזעלכע סארטן חששות, וואס ער דארף זיין גרייט אפילו יהיה מה שיהיה - דער עיקר זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, זיין ביים רבי'ן ראש השנה!

## "אמונת חכמים" אין אונזערע לייט

עָנָה וְאָמַר: הָרֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעֲיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלִּי:

(חיי"מ ת"ה)

"**ענה ואמר: הראש השנה שלי הוא חידוש גדול, והשם יתברך יודע שאין הדבר הזה בירושה מאבותי**" - ס'איז א נייע זאך, "**השי"ת נתן לי זאת במתנה שאני יודע מהו ראש השנה**". נאר דער רבי ווייסט וואס ראש השנה איז[כג].

"**לא מבעיא אתם כולכם בוודאי תלויין בראש השנה שלי, אפילו כל העולם כולו תלוי בראש השנה שלי**". אלץ איז תלוי אויפן רבי'נס ראש השנה - אפילו די וואס זיי קומען נישט, אלץ איז תלוי אין דעם רבינס ראש השנה.

**כג.** ראה ליקו"ה ערבית ד, יג: וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת עִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא עִנְיָן נִפְלָא וְנֶעְלָם מְאֹד, כְּפִי אֲשֶׁר הֵבַנְנוּ מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֹּדֶל עֹצֶם גְּדֻלַּת נוֹרְאוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שֶׁאָמַר שֶׁכָּל עִנְיָנוֹ וְעִסְקוֹ הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

די גאנצע וועלט איז תלוי אין דעם רבי'נס ראש השנה. אבער וואס מער מיר קומען האט דער רבי א גרעסערן כח, דער רבי דארף אונז האבן, "**אור צדיקים ישמח**[כד]", ס'קומען אלע נשמות.

ס'איז דא א לשון אין ליקוטי הלכות, אין הלכות ראש חודש הלכה ז', ער רעדט דא וועגן תורה ס"א - זאגט ר' נתן[כה]: **עיקר הצרה והיסורים מ'חלוקת העצה' הוא בענין התקרבות להשם יתברך.. אך כל התיקון לכל זה הוא אמונת חכמים. שדייקא על ידי ריבוי המחלוקת ישוב בכל פעם בתשובה שלמה על פגם אמונת חכמים, עד שיחזרו ויחשבו בעיניו כל הספרים הקדושים של התורה ולא להלעיג ח"ו על אחד מהם. ועל ידי ריבוי הספרים הקדושים בחינת 'וספר כתב איש ריבי' על ידי זה יהיו נמתקין כל הדינים שבעולם וימשיך על עצמו קדושת ראש השנה של החכמים אמתיים המתאספין יחד בראש השנה וכו', ועל ידי זה יתתקן הכל וכו'.**

על כל פנים, זאגט ער עפעס א אינטערעסאנטע לשון, "**וימשיך על עצמו קדושת ראש השנה של החכמים אמתיים המתאספין יחד בראש השנה**" - ראש השנה איז זיך מתאסף, אלע חכמים אמיתיים זענען זיך מתאסף. ס'משמע אז מ'רעדט דא א גאנץ יאר, אז מ'דארף ממשיך זיין אויף זיך די קדושת ראש השנה, זיך דערמאנען פון ראש השנה, וואס די 'חכמים אמיתיים' קומען זיך צוזאמען אויף ראש השנה. [מ'זהעט דא, אז] ברסלב'ער חסידים ווערן אנגערופן "חכמים אמיתיים".

מ'זעהט די תורה אינעווייניג דארטן קומט עס אויס אזוי. דער רבי רעדט דארטן א גאנצע אריכות, די ערשטע חלק פון די תורה ס"א רעדט דארט דער רבי פון פגם אמונת חכמים, און ביים סוף, רעדט דארט דער רבי פון ראש השנה.

---

**כד.** ליקו"מ תורה ס"א, מובא לקמן בהערות.

**כה.** באות ג.

דער רבי זאגט (אנהויב די תורה) אז ס'איז דא פגם אמונת חכמים, און ביים סוף רעדט ער דארטן אז וואס מ'קומט זיך צוזאמען אויף ראש השנה[כו], יעדער איינער איז א "**שכל פרטי**", און אז מ'קומט זיך צוזאמען ביים "אבן שתיה" וואס ער איז "**שכל הכולל**", ער איז כולל אלע שכליים, און ס'איז דא אהבה צווישן זיי - איז דאס דער תיקון[כז]. איז משמע, אז דאס איז אמונת חכמים, אז ער גלייבט אין 'שכל פרטי' (חכמה) פון יעדן איינעם און ס'איז דא א אהבה צווישן זיי.

און ער זאגט דארטן דאס איז געווען די פגם פון תלמידי ר' עקיבא[כח], אז זיי זענען נישט נכלל געווארן איינער אין אנדערן - זיי זענען אלע 'חכמים' אבער זיי האבן נישט געהאט אמונת חכמים איינער אין אנדערן. אבער דורכן שכל הכולל (חכמה עילאה) וואס איז כולל אלע חכמים פרטיים, גלייבט מען אין אלע חכמים - איז דורך דעם איז דער תיקון.

קומט אויס אז מ'דארף האבן אמונת חכמים אין אלע ברסלב'ער חסידים. **"קדושת ראש השנה של החכמים אמתיים המתאספין יחד בראש השנה"!**

---

**כו.** עיי"ש באות ז - ח: וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁנּוֹסְעִין עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים. כִּי רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הוּא יוֹמָא דְּדִינָא שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, וְכָל אֶחָד וְאֶחָד בָּא עִם קְדֻשָּׁתוֹ וְצִמְצוּמָיו אֶל הַצַּדִּיק הַדּוֹר. שֶׁהוּא בְּחִינַת קָדְשֵׁי קֳדָשִׁים, בְּחִינַת **אֶבֶן שְׁתִיָּה** וכו' וְעַל־יְדֵי־זֶה נִמְתָּקִים כָּל הַדִּינִים וכו'. וְעַל־יְדֵי־זֶה שֶׁנִּכְלָלִים יַחַד כָּל הַנְּפָשׁוֹת כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה שִׂמְחָה, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי י"ג): "**אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח**". כִּי הַנֶּפֶשׁ הוּא בְּחִינַת נֵר, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי כ): "נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם". וּכְשֶׁנִּכְלָלִין יַחַד נַעֲשֶׂה מֵהֶם אוֹר, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה שִׂמְחָה, בְּחִינַת: "אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח".

**כז.** עיי"ש באות ו'

**כח.** עיי"ש באות ח': וְזֶה חֲדִי רַבִּי שִׁמְעוֹן וְאָמַר: "ה' שָׁמַעְתִּי שִׁמְעֲךָ יָרֵאתִי", תַּמָּן יָאוּת הֲוֵי לְמִדְחַל. כִּי חֲבַקּוּק אָמַר נְבוּאָה זוֹ עַל **רַבִּי עֲקִיבָא וַחֲבֵרָיו** שֶׁמֵּתוּ עַל־יְדֵי שֶׁלֹּא הָיָה בָּהֶם אַהֲבָה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְבָמוֹת ס"ב:). כִּי הֵם הָיוּ בְּחִינַת גְּבוּרוֹת וְצִמְצוּמִים, וְלֹא נִכְלְלוּ יַחַד. וְלֹא נִמְתְּקוּ. וְרַבִּי שִׁמְעוֹן וַחֲבֵרָיו שֶׁהָיוּ הַתִּקּוּן שֶׁלָּהֶם, עַל־כֵּן אָמַר אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא, הַיְנוּ בְּחִינַת הָאַהֲבָה וּכְלָלוּת שֶׁנִּכְלָלִין יַחַד, **וְעַל יְדֵי זֶה הַהַמְתָּקָה וְהַתִּקּוּן כַּנַּ"ל**. וּמִזֶּה בָּא בְּחִינַת חֲדִי רַבִּי שִׁמְעוֹן, הַיְנוּ בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה, שֶׁנַּעֲשָׂה עַל יְדֵי הַכְּלָלוּת וְהָאַהֲבָה, בְּחִינַת: "אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח".

[שואל: בעלי תשובות?] וואס א נפקא מינא? וואס איז א בעל תשובה?! - אז ער איז א ברסלב'ער חסיד איז גאר גרויס! אמונת חכמים; **מ'דארף האבן אמונת חכמים, ער איז א ברסלב'ער חסיד!**

אז דו גלייבסט אין א רב וואס איז א בעל הוראה, וואס גלייבסטו? ער קען הוראה. גלייבסט אין א מקובל; ער קען קבלה. גלייבסט אין א ברסלב'ער חסיד - ער רעדט ברסלב, ער רעדט זאכן וואס גדולי גדולים ווייסן נישט.

גדולי גדולים ווייסן נישט אז זיי דארפן קומען צום רבי'ן ראש השנה, און ברסלב'ער חסידים פשוטים שבפשוטים[כט] זענען זיך מוסר נפש מיט אלע כוחות - איז ער א גרעסערער בר דעת פון אלע אנדערע, ער ווייסט זאכן וואס קיינער ווייסט נישט - מ'דארף אמונת חכמים אין אים. און טאמער מ'האט נישט אמונת חכמים, מ'איז מזלזל אין אים, עה סתם אזא סארט, אזא.. - איז עס פגם אמונת חכמים.

## די 'אהבה ואחדות' ביים קיבוץ..

מ'דארף האבן א גרויסע אהבת חברים, מ'דארף זיך פרייען מיט אלעמען, ווען אז אלע זאלן קומען (צום 'קיבוץ'), וואס מער זאלן קומען.. זיך פרייען אפילו יענער איז נישט פונקט דיין סארט[ל].

אבער דאס איז גופא די שאלה, פארוואס קען ער נישט ליידן מענטשן? – ער קוקט נישט ריכטיג אויף א מענטשן! ס'איז א קושיא אויף א גאנץ יאר, איז עס א קושיא: דעם רבי'נס א מענטש, אזוי קוקסט'ע אויפן רבי'נס א מענטש? קוקסט אויף די חיצוניות?! - אנשטאט צו קוקן אויף די פנימיות קוקסטו אויף די חיצוניות, **"דעם רבי'נס א מענטש!"**

---

**כט.** ראה חיי"מ שי"ד.

**ל.** עיי"ש בתורה ס"א שלכ"א מבני הקיבוץ יש שכל פרטי עם צמצומיו וקדושתו שלו וכו' והעבודה היא להתכלל ולהתמתק יחדיו ב'אור צדיקים ישמח' וכו'.

**ווער ווייסט - דאס טראכט איך א גאנצע צייט - ווער ווייסט אויב אלע עיכובים וואס טוט זיך, אויב אלע דינים וואס טוט זיך אויפן רבי'נס ראש השנה, איז נישט די נקודה, צו אונז דערוועקן טאקע.. מיר אלע פארן - אבער וויפל גלייבן מיר איינער אין דעם אנדערן? וויפל איז די אהבה צווישן אונז?! וויפל ווילן מיר זיין צוזאמען, זיך האלטן צוזאמען, דאוונען צוזאמען - -**

ר' **לוי יצחק** [בנדר] איז עס געגאנגען אין לעבן די זאך, פארוואס מ'דאוונט נישט צוזאמען. איך ווייס נישט וואס מ'דארף טאן.. ס'איז נישט קיין חכמה צאמשטעלן מענטשן און זאלן זיך נישט אויסקומען.. **אבער מ'דארף האבן רצון אויף דעם**, גרויסע רצונות דארף מען האבן אויף דעם.

הא גופא, מ'פארענטפערט איין קושיא מיט די צווייטע קושיא, פארוואס דאוונט מען נישט צוזאמען? אז מ'זאל זיך נישט ארומקריגן! - פארוואס קריגט מען זיך טאקע? הא גופא (דאס אליין) איז די שאלה.. ווען די אהבה וועט זיין צווישן אונזערע לייט וועט זיין אנדערע זאכן אינגאנצן, [**אחד הנוכחים:** ר' נתן זאגט דא "החכמים אמתיים המתאספין יחד", ס'איז משמע אז מ'דאוונט צוזאמען..] אוודאי! וואס איז די שאלה? ס'איז עפעס א ספק[לא]!?

---

**לא.** וראה שם בפל"ח אות י"ד: וזה מובן ממילא שגם ענין הנסיעה על ראש השנה לצדיקים היה דעתו ז"ל גם כן על ענין הנסיעה שנוסעין כל אנ"ש בכל שנה לאומין להשתטח על קברו הקדוש, ולהרבות שם בתחנונים בכל ערב ראש השנה, **ואחר כך מתפללין כל הקיבוץ הקדוש הזה ביחד בראש השנה (בבית הכנסת הגדול והקדוש שנקרא על שמו ז"ל) בכלליות גדול ובאחדות רב ואהבה רבה ועצומה מאוד כל החברים זה לזה ממש, כולם בלב אחד כאיש אחד** ובהתקשרות גדול לכל הצדיקי אמת ובפרט לכח וזכות הגדול והנורא של רבינו ז"ל אשר כל רעותין טבין של כלל אנ"ש תקיעין תמן גם כל השנה בעבודה שעובד את השם יתברך כל אחד בביתו, בפרט בזמן קהילה לכל בעת שמתקבצין ומתאספין כולם לשפוך את לבם ברחמים ותחנונים לפני השם יתברך על ציונו הקדוש, ואחר כך מתפללין יחד בראש השנה בהתקשרות גדול בלב ונפש וכו'. **והחוש מעיד שענין זה של הקיבוץ שמתקבצין כלל אנ"ש על ר"ה לאומין, זהו עיקר הכלליות וקשר האחדות של כל אנ"ש בקשר אחד, ורק בזה אנו מקיימין רצונו ז"ל להיות מחזיקים את עצמם כלל אנ"ש בקשר אחד באהבה ואחדות**

אבער נישט דאס איז די נושא - איך בין נישט געקומען רעדן ווי אזוי צו מאכן שלום מיט קיינעם נישט, נישט דאס, נישט דאס איז דער נושא. מ'קען מאכן מחלוקת'ן נאר אויף די נושא אליין..

ר' **יעקב מאיר** [שכטער] זאגט אלע מאל אז די אלע מחלוקת'ן ווערט נאר פון די 'בעלי שלום', מ'קריגט זיך ארום אויף דעם ס'זאל זיין שלום.. - פארמאך דיין מויל, מאך נישט קיין שלום!

קורח האט גע'טענה'ט אז משה מאכט מחלוקת, ער מאכט מחלוקת ביי כלל ישראל, ער קומט און קערט איבער די מדינה, ער נעמט פאר זיך אלעס, ער נעמט צו פון דעם, ער נעמט צו פון יענעם, ער ווייסט נישט ווי מ'פירט א שטעטל, ער מאכט חורבנות דא. קורח גייט, ער איז מקהיל גאנץ כלל ישראל און איז מסביר, א גאנצע נאכט איז ער מסביר[לב] - איך מיין אייער טובה, דער נעמט זיך אלץ פאר זיך, ס'דארף דא זיין שלום מיט סדר מיט שלווה ביי כלל ישראל.

איך געדענק, די פריער'דיגע צייטן האט זיך געטאן די מחלוקת'ן, האט ר' יעקב מאיר געהאלטן אין איין חזר'ן: פארמאך דיין מויל, רעד נישט קיין לשון הרע! [ווער ס'האט אים געפאלגט, ווער ס'האט אים געפאלגט, האט זוכה געווען..] דאס האט ער געהאלטן אין איין זאגן: רעד נישט קיין לשון הרע, טוה נישט קיין טובות, רעד נישט קיין לשון הרע, הער נישט קיין לשון הרע, גלייב נישט קיין לשון הרע!

---

**כנ"ל**, ורק על ידי זה עיקר קיום הארת השארתו הקדושה לנצח, כאשר הבטיח ז"ל שענינו לא יופסק והאש שלו תוקד עד ימות המשיח כנ"ל.

**לב.** ראה רש"י במדבר טז, יט: ויקהל עליהם קרח. בדברי ליצנות, **כל הלילה ההוא הלך אצל השבטים ופתה אותם, כסבורין אתם שעלי לבדי אני מקפיד, איני מקפיד אלא בשביל כלכם**, אלו באין ונוטלין כל הגדולות, לו המלכות ולאחיו הכהונה, עד שנתפתו כלם (תנחומא שם).

דער רבי זאגט[לג], אז מ'רעדט לשון הרע, מ'הערט לשון הרע, מ'גלייבט לשון הרע - גייט אריין "**מְדַמֶּה**" אין מענטשן, דער מענטש גייט אריין אין דמיונות, ער באקומט דמיונות.

ער זאגט [ר' יעקב מאיר:] - ס'איז א פלא - אזוי געדענק איך ער האט עס געהאלטן אין איין זאגן - ס'איז א פלא, מ'זעט מענטשן קלוגע מענטשן, תלמידי חכמים, עובדי השם, און זיי רעדן שטותים.. ווי קען זיין אזא זאך? – ווייל ער גיבט זיך נישט אכטונג פון לשון הרע, פאלט ער אריין אין מדמה. ער האט פשוט דמיונות, פאנטאזיעס מיט חלומות, רעדט און רעדט און רעדט..

[ס'איז געווען מענטשן, זיי האבן גערעדט זאכן אין יענע צייטן פון די מחלוקת'ן - זיי ווען זיך שעמען היינט צו זיך דערמאנען וואס זיי האבן גערעדט דעמאלט'ס. וואס א בהלה וואס מחלוקת מאכט. איך געדענק אויך כל מיני (פארשידענע) אידן וואס האבן דערציילט וואס איז געווען ביי די צייטן וואס איז געווען אין ירושלים די מחלוקת'ן, ר' יוסף חיים זוננפלד מיט די אנדערע, בשעת ס'איז געווארן דעמאלט די 'רבנות' מיט די 'העדה החרדית', מיט די גאנצע מעשה.. אזוי איז געווען - די שענסטע און די בעסטע כוחות האט מען אריינגעשלעפט אין די זאכן, זיי זענען געווארן אויף די אנדערע זייט, שפעטער האט מען געזוכט עפעס א אונטערשטע טירל צו צוריק קומען, זיי האבן זיך געשעמט וואספארא נארישקייטן זיי האבן גערעדט..]

**לג.** ליקו"מ תורה נ"ד, ה: **וְהַכֹּחַ הַמְדַמֶּה בָּא עַל יְדֵי לְשׁוֹן הָרָע**, כִּי כֹּחַ הַמְדַמֶּה הוּא כֹּחַ הַבַּהֲמִיּוּת כִּי גַּם בְּהֵמָה יֵשׁ לָהּ זֶה הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, וְהַמּוֹצִיא דִּבָּה הוּא נוֹפֵל לְבַהֲמִיּוּת וְעַל כֵּן נִתְגַּבֵּר עָלָיו כֹּחַ הַמְדַמֶּה. [..] נִמְצָא **עַל יְדֵי הִסְתַּלְּקוּת הַדַּעַת, שֶׁבָּא עַל יְדֵי לְשׁוֹן הָרָע שֶׁהוּא בְּחִינַת: "מוֹצִיא דִּבָּה הוּא כְּסִיל"** דְּהַיְנוּ שֶׁנִּסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ הַדַּעַת. (ועיי"ש שכח המדמה מבקש דייקא לשרות על פי שונה הלכות וכו' עיי"ש).

אמאל אז ס'קומט א צייט פון מחלוקת - דער רבי זאגט[לד] אז ס'איז פארקערט פון "**אוויר הנך והזך**", - ס'ווערט אזעלכע צושפילטע דיבורים, מ'רעדט שטותים. א מענטש ווערט רויט פון כעס - און זיין שכל, זיין מח ווערט רויט, אנשטאט צו זיין ווייס[לה] - זיין מח ווערט צושפילט. ער רעדט שטותים והבלים, ער רעדט און רעדט..

[וואס קענען אונז יא טאהן:] מ'דארף פשוט רצונות, רצונות; בעטן דעם אויבערשטן זוכה זיין צו גלייבן אין יעדן איינציגן פון אונזערע לייט, יעדן איינציגן - גלייבן אין יעדן איינציגן פון אונזערע לייט. **יעדער איינער איז טייער טייער - אפילו דו האסט טענות אויף אים,** אפילו ס'קען זיין טאקע ריכטיגע טענות - **אבער זיין גוטס ווערט נישט אויס גוטס, 'יהיה מה שיהיה' זיין גוטס ווערט נישט אויס גוטס.** דער גרעסטער פושע ישראל, זיין גוטס איז גוטס, וואס מ'דארף טאן דארף מען טאן - אבער זיין גוט'ס איז גוט'ס.

דאס קען יעדער איינער מאכן - וויסן וואס מ'דארף נוהג זיין בהתנהגות, איז שוין א סוגיא, וואס מ'דארף טאן. אבער דאס וואס מ'זאל באמת האבן רצונות, אז ס'זאל זיין שלום ביי אונזערע לייט, זיין שלום ביי גאנץ כלל ישראל, און בפרט ביי אונזערע לייט זאל זיין שלום, גלייבן אין יעדן איינעמס

---

**לד.** ליקו"מ תורה י"ז: וְעַל יְדֵי זאת הָאַהֲבָה שֶׁקּוֹנֶה עַל יְדֵי הַצְּדָקָה עַל יְדֵי זֶה נִזְדַּכֵּךְ הָאֲוִיר וְכָל מַה שֶּׁנּוֹתְנִים לְיוֹתֵר אֲנָשִׁים צְדָקָה וְקוֹנֶה אַהֲבָה עִם יוֹתֵר אֲנָשִׁים עַל יְדֵי זֶה נִתְרַבֶּה יוֹתֵר הָאֲוִיר הַנָּח וְהַזַּךְ **כִּי אַהֲבָה הוּא אִתְדַּבְּקוּת רוּחָא בְּרוּחָא דְּהַיְנוּ רוּחַ הָאוֹהֵב בְּרוּחַ הַנֶּאֱהָב שֶׁזֶּה בְּחִינַת אֲוִיר הַנָּח שֶׁרוּחָם נָחִים זֶה מִזֶּה כִּי אֵין רוּחַ רָעָה שֶׁהוּא שִׂנְאָה שֶׁיַּפְרִיד בֵּינֵיהֶם** כִּי הַשִּׂנְאָה הִיא בְּחִינַת רוּחַ רָעָה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "וַיִּשֶׁם ה' רוּחַ רָעָה בֵּין אֲבִימֶלֶךְ וּבֵין אַנְשֵׁי שְׁכֶם", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: שִׂנְאָה, **נִמְצָא שֶׁשִּׂנְאָה הוּא בְּחִינַת רוּחַ רָעָה בִּלְבּוּל הָאֲוִיר שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵין יְכוֹלִין לִשְׁמֹעַ הַדִּבּוּר.** וּלְהֵפֶךְ אַהֲבָה וְרֵעוּת הוּא בְּחִינַת אֲוִיר הַנָּח וְהַזַּךְ שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִשְׁמָע הַדִּבּוּר וכו'. [ובליקו"ה סמני בהמה ד, ו מבאר מוהרנ"ת שזה בחי' הפגם של תלמידי ר"ע וכו' והתיקון היה בל"ג בעומר (שאז נפסקה המגיפה) ע"י רשב"י וכו' וע"כ אמר "אנן בחביבותא תליא": 'בַּחֲבִיבוּתָא' דַּיְקָא, בְּחִינַת אַהֲבָה וְשָׁלוֹם, שֶׁצְּרִיכִין הַחֲבֵרִים לִזָּהֵר מְאֹד מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה בֵּינֵיהֶם אַהֲבָה וְשָׁלוֹם גָּדוֹל כְּדֵי שֶׁיּוּכְלוּ לְהַשְׁמִיעַ לְמֵרָחוֹק הַדִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁמְּקַבְּלִין מֵרַבָּן בְּכָל פַּעַם שֶׁהֵם דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה. עיי"ש]

**לה.** ראה בתיקו"ז דף קכ"ט, ראה בליקו"מ תורה נ"ז אות ו'.

גוטס, און עס רעדן צום אויבערשטן - דאס איז דאך 'אילו דברים שאין להם שיעור', וויפל מ'קען רעדן, רעדן און רעדן און זיך שטארקן, אָן אנרירן קיין סעיף קטן אין שולחן ערוך, קען מען דאך זוכה זיין..

און טאמער נישט, טאמער מ'געבט זיך נישט אכטונג - אסאך מאל מיט א גוטע כוונה, ווייל מ'וויל אויפטאן, מ'וויל אויפטאן; מ'וויל נאר עפעס מסביר זיין יענעמ'ס חסרון, ווייל ער וויל ראטעווען פון יענעמ'ס חסרון - קען זיין, קען זיין טוסט זייער גוט - אבער דארפסט אבער אכטונג געבן זאלסט נישט ווערן שמוציג נאכדעם!

טאמער דו ארבעטסט, געבסט נישט אכטונג זאלסט נישט ווערן שמוציג - קען זיין אסאך מאל דארפסט גיין, דארפסט רעדן וועגן יענעם, דארפסט מסביר זיין יענעמ'ס חסרון, קען זיין דארפסט א 'האלבע שעה' מקדיש זיין רעדן וועגן יענעמ'ס חסרון - אבער נאכדעם דארפסטו אויך ארבעטן 'צוויי שעה' צו זיך ריין מאכן וואס דו ביסט שמוציג געווארן. ביסט געווארן שמוציג - האסט גערעדט אויף מענטשן, די מויל איז נישט ריין.

מיר האבן נאכנישט אזעלכע געניטע הענט, ליידער האבן מיר נאכנישט אזעלכע גרויסע מומחיות'דיגע הענט אז יענער זאל ארויסגיין פון אונז גלאט - און מ'רעדט, מ'שניידט אריין אהער און מ'שניידט אריין אהין, און אזוי רעדט מען, אזוי טראכט מען - איז דארף מען זיך רייניגן.

איז זאג: רבונו של עולם איך האב גערעדט, ווייל איך האב געהאלטן אז איך דארף רעדן, און אפשר קען זיין, ס'קוקט מיר אויס אויך יעצט אז איך דארף רעדן - אבער אף על פי כן איך בין נישט ריין, איך שפיר אז איך בין נישט ריין, רייניג מיר דו! - מ'דארף בעטן דעם אויבערשטן.

דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, אפילו ביסט עוסק אין היינטיגע פרשה (פרשת חוקת), ביסט עוסק אין מטהר זיין כלל ישראל (בפרה אדומה), אבער דו ווערסט טמא[לו], דארפסט זיך אויך רייניגן נאכדעם. א 'טומאה קלה' ווערט,

לו. ראה כעי"ז בליקו"ה הל' גילוח ג, ה.

דו ביסט טאקע עוסק אין מטהר זיין א 'טומאה חמורה', אבער מ'דארף זיך רייניגן פון א טומאה קלה. מ'דארף זיך כסדר רייניגן פון דעם, כסדר רייניגן..

## ווען 'אונזערע לייט' וואלטן זיך געהאלטן צוזאמען..

על כל פנים, איז ווען אונזערע לייט זאלן זיך האלטן צוזאמען - ר' אברהם בן ר' נחמן פלעגט עס אלעמאל זאגן[לז]: "**מ'קען זיך נישט פארשטעלן וואס מיר וואלטן מקבל געווען פון רבי'ן, ווען מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען!**"

מ'דארף אן א שיעור בעטן אויף דעם. און דער עיקר האלטן זיך צוזאמען, וואס ליגט אין יעדן איינעם'ס הענט איז - **אז יעדער איינער ביי זיך אין הארצן זאל זיך האלטן צוזאמען מיט אלעמען**. מ'דארף גארנישט טאן, קיינער האט נישט געהייסן 'דארפסט גיין דאווענען ביי יענעם אין שוהל, דארפסט גיין'.. - דארפסט גארנישט מאכן, דארפסט בעטן דעם אויבערשטן, אז דו; דיין הארץ זאל זיין גאנץ, **דיין הארץ זאל זיין גאנץ!** זאלסט פאלגן דעם רבי'ן.

ביי דיר זאלסטו וויסן וואס הייסט א ברסלב'ער חסיד - וואס הייסט ביי דיר א ברסלב'ער חסיד וואס קומט אויפן רבי'נס ראש השנה, ווי קוקט מען אויף אים.. זאלסט וויסן אז די גאנצע וועלט איז תלוי אין דעם איינעם, אין דעם איינעם! ווי דו קוקסט אים אן, זאלסטו וויסן אז די גאנצע וועלט איז

**לז.** ראה בשיש"ק הישן ג'תקע"ט: אָמַר: אֵין לָנוּ שׁוּם הַשָּׂגָה כְּלָל וּכְלַל כַּמָּה הָיִינוּ מְקַבְּלִים מֵאוֹר רַבֵּנוּ אִלּוּ הָיָה בֵּינֵינוּ אַהֲבָה וְאַחְדוּת. וראה בטעם זקנים קונטרס כ"ט (עמ' 11): איך האב געהערט - רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט "**מיר קענען זיך נישט אויסמאלן וואס מיר וואלטן געקענט נעמען פונעם רבי'ן, ווען מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען מיט אהבה**"! "מיר קענען זיך נישט אויסמאלן וואס מיר וואלטן געקענט נעמען פונעם רבי'ן, ווען מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען און האבן אהבה".

[ומענין האחדות הקיבוץ ראה פל"ח ז' תנינא, כו. ובס"א, יד]

תלוי אין אים, אין אים און אין יעדן איינעם, **אין יעדן איינעם איז תלוי די גאנצע וועלט**[לח]**! "תיקון עולם" - ער איז דער רבי'נס א מענטש!**

איי ער האט צו פארעכטן זאכן.. - ער דארף טאקע פארעכטן, דער רבי איז נישט נושא פנים קיינעם נישט, וואס מ'דארף פארעכטן דארף מען פארעכטן - אבער אף על פי כן ער איז א ברסלב'ער חסיד, ער איז א ברסלב'ער חסיד!

אז דאס וועט זיין, וועט עס אוודאי ברענגען אז מ'זאל וועלן, מ'זאל זוכן עצות ווי אזוי צו קענען דאווענען צוזאמען און זיך האלטן צוזאמען. אז ס'וועט דאס זיין, וועט עס ברענגען אויך תוצאות אין פעולות במעשה, אבער אלעס הויבט זיך אן פון דעם. **דער עיקר וואס מיר קענען טאן פאר דעם, איז וויסן די טייערקייט, די טייערקייט פון רבי'נס קיבוץ** - דעם רבי'נס קיבוץ! דעם רבי'נס מענטשן!

דער רבי האט גערעדט פון די "**ריבוי הבתים**[לט]" - וואס ווערט פון דעם וואס מ'איז צוזאמען, ס'ווערט געטאפלט מיליאנען מיליארדן מאל, "**מה שאין**

**לח.** ראה בשיש"ק הישן ח"ד: בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן לְחַיֵּי רַבֵּנוּ, אָמַר: אַהֲרֹן אֵינֶנּוּ וּבֶערַלֶע אֵינֶנּוּ, "**אַהֲרַלֶע אִיז נִישְׁט דָא אוּן בֶּערַלֶע אִיז נִישְׁט דָא**". וְכַוָּנָתוֹ הָיְתָה לְהַדְגִּישׁ שֶׁרַבִּי אַהֲרֹן הָרַב לֹא בָּא לְקִבּוּץ אַנַ"שׁ, וְכֵן בֶּערַלֶע שֶׁהָיָה אִישׁ פָּשׁוּט מֵעִיר וִינִיצָא, גַּם הוּא לֹא בָּא, וּשְׁנֵיהֶם שָׁוִים לְעִנְיַן הַקִּבּוּץ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה. (ראה כל הסיפור בהרחבה בשיש"ק החדש א, )

**לט.** ראה ליקו"מ תורה ח' תנינא: וְזֶה בְּחִינַת הַקִּבּוּץ שֶׁל יִשְׂרָאֵל כִּי כָל מַה שֶּׁנִּתְקַבְּצִין וְנִתְרַבִּין בְּיוֹתֵר נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל בְּיַחַד נִתְרַבֶּה וְנִתְגַּדֵּל בְּיוֹתֵר מְאֹד מְאֹד בֵּית הַתְּפִלָּה כִּי שָׁלֹשׁ אֲבָנִים בּוֹנוֹת שִׁשָּׁה בָּתִּים, אַרְבַּע אֲבָנִים בּוֹנוֹת עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה בָּתִּים, חָמֵשׁ מֵאָה וְעֶשְׂרִים בָּתִּים וְכוּ **עַד שֶׁאֵין הַפֶּה יָכוֹל לְדַבֵּר וְהַלֵּב לַחֲשֹׁב** כִּדְאִיתָא בְּסֵפֶר יְצִירָה וכו'. (עיי"ש כל החשבון ובחיי"מ מ"ג. וראה עוד ליקו"ה ציצית ז, ח וראה בליקו"ה פו"ר ה, ו: **וּמִשָּׁם תַּעֲמֹד מַרְעִיד וּמִשְׁתּוֹמֵם וְתִתְפַּלֵּא מְאֹד מְאֹד מֵעֹצֶם רִבּוּי הַבָּתִּים עַד אֵין חֵקֶר, וְתָבִין מֵרָחוֹק גְּדֻלַּת ה' וּגְדֻלַּת תּוֹרָתוֹ וּגְדֻלַּת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁגִּלָּה כָּל זֶה וְיוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכוּ', וּגְדֻלַּת הַנְּפָשׁוֹת הַזּוֹכִין לְהִתְקָרֵב אֶל הַנִּלְוִים אֵלָיו וּמִתְפַּלְּלִים בְּכַוָּנָה וְכוּ',** עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב וּתְצָרֵף דְּבָרֵינוּ אֵלֶּה לְשָׁם, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים וְצַדִּיקָיו וְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה תִּמְצָא.)

**הפה יכול לדבר, מה שאין המוח יכול לחשוב"**.. דער מח קען נישט טראכטן, מ'קען נישט פארשטעלן וואס א מין תוצאות ס'איז..

און דא קלייבן זיך שוין צוזאמען, צענדליגער טויזנטער אידן קלייבן זיך שוין צאם צום רבי'נס ראש השנה, שוין יארן. **און ווען די אהבה און די הערכה זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, גלייבן איינער אין אנדערן - קען זיין די תוצאות אן א שיעור, אן א שיעור מער, אן א שיעור מער - -**

## מיר זאלן נישט זיין קיין שלימזלניק'עס!

ס'שטייט אין די בריוו פון ר' נחמן טולטשינער אויף ר' נתן'ס הסתלקות, ברענגט ער דארטן אז ר' נתן האט געזאגט פאר די הסתלקות, אזוי שרייבט ער: **"אור ליום ו' ערב שבת** [ליל שישי דעם לעצטן טאג, פארטאג'ס].. **וקודם אור היום צוה להביא לו מים חמין לעשות לו אמבטי, וקודם שהביאו לו האמבטי דבר הרבה כמעט כצוואה, וכך אמר: צריכים אתם להחזיק אתכם ביחד באהבה גדולה** [איר דארפט זיך האלטן צוזאמען מיט א גרויסע אהבה], **ואתם אנשים כשרים, אלא שאתם שֶׁלֵימְיזַלְנִיקֶיס"**.

וואס א שייכות האט די רישא מיט די סיפא? (דער 'זיך האלטן צוזאמען' מיט דעם וואס איר זענט 'שלימזל'ניקעס) - האב איך געטראכט אמאל: [ר' נתן זאגט אונז:] 'אתם אנשים כשרים', איר זענט ערליכע אידן - אבער איר דארפט זיך האלטן אלע צוזאמען, אז איר האלט זיך צוזאמען, ווערט פון אייך 'ריבוי הבתים', מיליאנען מיליארדן.. - אז נישט, בלייבט פון דעם נאר וויפל איר זענט.. - זענט איר שלימזלניקיס!

דאס הייסט שלימזלניקיס - א מענטש וואס פאר די זעלבע געלט קען ער מאכן מיליארדן מיליארדן, און ער טוט עס נישט, איז ער א שלימזלניק! אז ס'פעלט די אהבה (ביי אונז) מאכן מיר נישט די מיליאנען מיליארדן, וואס מיר קענען אין די צייט מאכן - איז מען שלימזל'ניקעס..

ר' נתן האט געזאגט[מ]: **אז ס'שטערט אים נישט אזוי די מחלוקת פון אינדרויסן, ווי די מחלוקת פון אינעווייניג!** דאס הייסט, אז די מחלוקת פון אינדרויסן ווייסן אלע וויפל ס'האט מזיק געווען - אלע ווייסן וויפל ס'האט פארזייטיגט דעם רבי'נס זאך פון די וועלט, דאס פארשטייט די וועלט, דאס פארשטייט יעדער איינער[מא]. [אבער] ר' נתן זאגט אז אים שטערט; נישט דאס שטערט אים - ס'שטערט אים די מחלוקת פון אינעווייניג, די מחלוקת פון אינעווייניג דאס שטערט אים[מב]..

דאס הייסט אז אונזערע לייט וואלטן זיך געהאלטן צוזאמען - אפילו אין יענע יארן - מיט א גאנצקייט, וואלט מען נישט געקענט אונז רירן, מ'וואלט נישט געקענט אונז רירן[מג]! **וואלט דעם רבי'נס ליכטיגקייט נתפשט געווארן**

---

**מ.** שיש"ק חלק ב' תמ"ד

**מא.** ראה ליקו"ה הל' שבת ז, ט. ובחיי"מ קט"ו.

**מב.** וראה בטעם זקנים קונטרס פ' באריכות על כל מיני מחלוקות שהיו אצל אנ"ש במשך השנים וכו' והתוצאות הנוראות שנגרמו ע"ז וכו'. ונביא כאן רק כמה לשונות: "אונזערע לייט פלעגן זאגן: **'דער רבי קען יעדן, אפילו דעם גרעסטן חוטא ופושע, אויסהאלטן און אים דן זיין לכף זכות! נאר וואס דען? מחלוקת - דאס נישט!'** א מחלוקת דאס נישט! ווי אזוי איר זעגט, אבי קריגט זיך נישט, האלט זיך צוזאמען! דאס איז אזא מין מכה - אז דאס חנפ'עט מען נישט קיינעם - אפילו דעם גרעסטן! מחלוקת דאס נישט!" **"אלצדינג קען דער רבי סובל זיין - מחלוקת נישט!** דאס נישט! דאס קען ער נישט סובל זיין!"

"דער אור הצדיק איז אזוי גרויס אז ער קען זיך נישט בשום אופן האלטן ביי איין מענטשן – וויפיל דער מענטש איז גרויס – סיידן מיט נאך מענטשן קען איך האלטן דעם אור הצדיק, אבער (אז ס'איז דא) מחלוקת קען ער שוין נישט."

"רבי נתן האט גוט אויסגעקוקט דעם רבי'נס זאך, האט ער גוט פארשטאנען אז דעם רבי'נס זאך איז נאר תלוי אין אהבה. **די אלע יסודות וואס עס איז דא ביים רבי'ן איז כח נאר דורך דעם ענין פון אהבה.**"

**"עס איז ביי אונז אויך געווען** (בזמנו באומן) **כמה מאל וואס מען האט באלד געזעהן** (אז מחלוקת טויג נישט)**, מען האט געכאפט קלעפ (מן השמים), געכאפט קלעפ..** דאס נישט, קריגן זיך - נישט!"

**מג.** ראה בנתיב צדיק מכתב פ"א: כי אין לנו להשען כי אם על אבינו שבשמים ועל כח רבנו ז"ל ותלמידו הק' ועל אהבת חברים כי אנן בחביבותא תליא מלתא **ואם נהיה אוהבים באמת**

**אויף די גאנצע וועלט[מד]! ס'וואלט געווארן אויפגעטאן אזעלכע זאכן וואס מיר קענען זיך גאר נישט פארשטעלן!!**

אזוי היינט אויך, ס'איז שוין דא צענדליגער טויזנטער מקורבים - מ'זאל וויסן וואס דער געשעפט מיינט! זיי נישט קיין שלימזלניק, ווייסט וואס דאס מיינט 'צענדליגער טויזנטער מקורבים אין רבי'נס חדר'? ווייסט וואס דאס מיינט?!

ווערסטו וויסן ווער אונזערע לייט זענען - ווערסטו וויסן ווער דו ביסט, ווערסטו וויסן וואס פאר א געשעפטן קומט ארויס פון דעם, וואס פאר א זאכן וואס א פעולות טוט זיך פון דעם, ווערסטו גלייבן יעדן ווארט פון רבי'ן אנדערש, אלץ וועט זיך הערן אנדערש.. – [דאס איז ר' נתן'ס צוואה:] מ'זאל נישט זיין קיין שלימזל'ניק!

"שלימזל'ניק" איז דווקא ווען ער גייט מצליח זיין, דווקא דעמאלט'ס קערט זיך אים אלץ איבער. דווקא ווען עס דערנענטערט זיך צום תיקון, ווען ס'איז שוין דא אזוי פיל מקורבים, אזוי פיל וואס גייען.. ווען איז נאך געווען אזא דור וואס מ'האט אזוי פיל געדרוקט דעם רבי'נס ספרים, געלערנט דעם רבינס ספרים, עוסק געווען צוזאמען.. ווען איז געווען אזא דור, אזוי פיל לערנען דעם רבי'נס ספרים, אזוי פיל עוסק אין עבודת ה' צוזאמען, אין אלע שטעט פארן ארויס אוטו'ס (הסעות) אין די פעלדער, שוהל'ן, מנינים ותיקין, אין אלע ברסלב'ער שטעט ס'איז דא וואס צו זעהן היינט.. - **מ'זעהט היינט זאכן וואס מ'האט עס אמאל נישט געזען!**

אבער די זעלבע זאך - אז ס'זאל זיין מיט א ריכטיגע הערכה, איינער זאל מעריך זיין דעם צווייטן, 'רוצה בטובת חבירו' נישט פארקערט. גלייבן, גלייבן אין די חשיבות פון די זאך – איז עס א אנדער זאך אינגאנצן, א אנדער זאך!

---

**כאשר היה רצון רבנו ז"ל (כמבאר בחיי מוהר"ן) לא היה שולט בנו שום דבר** ועיקר אהבה צריך להיות שעל כל פשעים תכסה אהבה ולדון את כל אחד לכף זכות ואפילו את עצמו ורבנו ז"ל הזהיר מאד מאד על זה כי כל יהדותנו תלוי בזה **ועל זה אנו צריכין לבקש יומם ולילה.**

**מד.** ראה ליקו"ה על תורה י"ז ובהל' על אור הצדיק וכו'.

**און ווער ווייסט צו דער חיסרון אין ראש השנה איז נישט פון דעם.. ווער ווייסט צו די חסרון אין ראש השנה איז נישט אין דעם..**

מ'דארף א גרויסע המתקה! און די המתקה - זאגט דער רבי אין תורה ס"א[מה] - די המתקה איז תלוי אין דעם קיבוץ, אין די אהבה פון אונזערע לייט צווישן זיך.

דארף מען פארעכטן, אראפנעמען די אלע חשבונות מיט די אלע נצחונות. יעדער איינער, מ'קען נישט גארנישט טאן אין דעם, מ'קען גארנישט טאן קיין פעולות - אבער יעדער איינער קען אויפטאן א געוואלד ווען ער ווערט נתעורר.. יעדער איינער פאר זיך אליין, קען א געוואלד אויפטאן און רעדן צום אויבערשטן - -

## דער רצון און ברע אז 'אלע זאלן זיין'..

דאס האט דער רבי געזאגט - **איר גלייבט אין מיר, דארפט איר האבן א רצון אז אלע זאלן זיין!** זאלסט זיך פרייען מיט דעם וואס אלע זענען דא, און דארפסט האבן א רצון אז אלע זאלן זיין. נישט ער טראכט (נאר) פון זיך, שוין ער האט דורך געפירט זיין קארטע, האט ער דורגעפירט, ערלעדיגט. דאס איז די מעשה דא? ס'איז דא א גרויסע מעשה; דארפסט האבן רצונות! רצונות[מו]!!

ווען דער רבי רעדט פון ארץ ישראל, זאגט דער רבי[מז]: די כח פון ארץ ישראל, **דער עיקר כח פון ארץ ישראל - איז דער רצון צו ארץ ישראל. און נישט נאר א רצון צו ארץ ישראל, נאר א רצון אז אלע זאלן, אלע צדיקים זאלן אנקומען אין ארץ ישראל..**

**מה.** עיי"ש אות ח'

**מו.** ראה על"ת מכתב תל"ד: אַשְׁרֵי אַשְׁרֵי הַמִּשְׁתּוֹקֵק וּמִתְגַּעְגֵּעַ לִכְלָל בְּהַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁלּוֹ.

**מז.** ליקו"מ תורה קנ"ה, ומובא לקמן בהערות.

און דאס איז די סגולה פון ארץ ישראל, ארץ ישראל האט א סגולה אז ס'נעמט ארויס דער מענטשן פון עצבות, אז ס'נעמט ארויס דעם מענטשן פון כעס[מח], ער איז זוכה צו אריכת אפיים.

מיט וואס איז ער זוכה - מיט דעם וואס ער **ברענט** אויף ארץ ישראל, נישט מיט דעם וואס ער קומט אויף ארץ ישראל. פארשטייט זיך, אז מ'ברענט קומט מען שוין אויך - אבער דער עיקר איז וואס ער ברענט אויף ארץ ישראל!

און ברענען אויף ארץ ישראל איז נישט דער ברענען פאר 'זיך' אויף ארץ ישראל - ברענען הייסט אז ס'ברענט אים אז 'אלע אידן' זאלן קומען אויף ארץ ישראל, **ס'ברענט אים אז 'אלע צדיקים' זאלן קומען אויף ארץ ישראל - ס'ברענט אים!** ווי ר' אברהם זאגט[מט] ס'ברענט אים אז אלע ברסלב'ער חסידים זאלן קומען אין ארץ ישראל.. - ס'ברענט אים!!

דער ברען, דער ברען אויף ארץ ישראל! דער ברען אויף ירושלים! - ר' אברהם זאגט:[נ] **"דער ברען אויף ציון הר קדשו"**. דער ברען; וואס מער דער ברען אויף ארץ ישראל, אויף ירושלים, אויף בית המקדש.. וואס מער מ'ברענט אויף דעם; מ'ברענט פאר זיך, מ'ברענט אז אלע זאלן זיין.

**דארפסט גארנישט טאן - ברען נאר!**

ס'שטייט "**וַיִּקֹּד אַרְצָה**" - משה רבינו האט געברענט אויף ארץ ישראל.. ס'איז דא א לשון, א טייטש פון רבי'ן[נא]: "**ויקוד ארצה, שהיה ליבו בוער לארץ**

---

**מח.** עיי"ש בתורה.

**מט.** כידוע שר' אברהם זירז את אנ"ש וכל מי ששמע אליו באותה העת לעלות אל ארץ ישראל, ואכן רבים מתלמידיו שמעו בקולו ועלו לא"י וכו'. (ראה ביאוה"ל תורה קנ"ה, ובמבוא לביאור הליקוטים הוצאת מכון משך הנחל).

**נ.** חכמה ותבונה מעשה ד'

**נא.** ליקו"מ תורה קנ"ה: וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין קי"א): "וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ" מָה רָאָה? אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה הַיְנוּ כַּנַּ"ל כִּי מֵחֲמַת שֶׁרָאָה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם שֶׁהוּא תָּלוּי בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל עַל כֵּן **"וַיִּקֹּד אַרְצָה", שֶׁהָיָה לִבּוֹ בּוֹעֵר לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** כְּדֵי לִזְכּוֹת לְאֶרֶךְ

**ישראל" —** משה רבינו איז געפאלן אויף דער ערד און געברענט אויף ארץ ישראל[נב] - -

און דער 'ברען' (אויף א"י), נעמט אוועק דער ברען פון כעס. ברענסט אויף דעם - גייט אוועק דער ברען פון כעס. מ'דארף ברענען אויף ארץ ישראל - ברענסט אויף ארץ ישראל, קילט זיך דיר אלע פאלשע ברענען, אלע אנדערע ברענען פון כעס, מיט תאוות, מיט אלע זאכן.

דער גאנצער זאך וואס דער מענטש האלט אין איין אריינפאלן אין פאסקע פון דער יצר הרע, איז נאר פון דעם, נאר ווייל ער האט נישט קיין אריכת אפיים, נאר ווייל ער האט נישט קיין אריכת אפיים! ס'געבט אים א גיי דורך עפעס א תאווה, ממש בהיסח הדעת - ער מוז עס שוין אויספירן, ער קען שוין נישט.. ער האט אזא ברען אין תאוות, אזא קאך! ער קען נישט איבער וואַרטן, ס'איז עפעס דורך געגאנגען א מחשבה איז ער שוין דארטן.. (-ביים אויספירן..).

איך האב געזעהן, לעצטנס איז געשטאנען אין "**טעם זקנים**", האט ר' לוי יצחק [בנדר] גערעדט פון די מעשה פון "**מלך וקיסר**[נג]". זאגט ער דארטן[נד],

---

אַפַּיִם כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ שָׁם : וְחַד אָמַר אֱמֶת רָאָה מַר אָמַר חֲדָא וּמַר אָמַר חֲדָא וְלָא פְּלִיגֵי כִּי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת אֱמֶת כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר [בהתורה ואכלתם סי מ"ז] וּמַסִּיק שָׁם בַּגְּמָרָא שְׁמַע מִנַּהּ אֶרֶךְ אַפַּיִם רָאָה כִּי עִקַּר הוּא בְּחִינַת אֲרִיכַת אַפַּיִם כַּנַּ"ל. **וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כִּסּוּפִין וְגַעְגּוּעִים לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְגַם שֶׁיִּהְיֶה גַּעְגּוּעִים לְכָל הַצַּדִּיקִים לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וְהוּא סְגֻלָּה לְהַכַּעַס וְלָעַצְבוּת** כִּי כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִלּוּ עוֹבֵד עַכּוּ"ם (שַׁבָּת ק"ה) אֲבָל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה, בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם, הֶפֶךְ הַכַּעַס.

**נב.** וראה דברים נוראים בזה ברשימות החסיד ר' אלטר מטעפליק המובא בסוף כוכ"א המנוקד הוצאת משך הנחל.

**נג.** סיפורי מעשיות מעשה ב', עיי"ש כל הסיפור.

**נד.** ראה טעם זקנים קונטרס ע"ז (עמ' 20 - 21): אז די בת קיסר, עס איז געקומען דארטן דער - פריער איז געקומען דארטן דער בן הסוחר, האט ער געוואלט זי נעמען, עס איז געקומען

אז וואס מ'לערנט פון די מעשה איז, אז זי (די 'בת קיסר') האט געהאלטן אין איין אפשטופן דארטן די אלע וואס האבן זיך געוואלט צוטשעפען צו איר, [זי האט געזאגט:] שפעטער שפעטער, יא נאכדעם, וועסט אהיימקומען.. זי האט נאר עפעס אפגעשטופט. **מיטן אפשטופן - מיט דעם איז זי געראטעוועט געווארן פון אלעמען, און אנגעקומען ביז צום ריכטיגן** (דער 'בן המלך') **!**

קיינער האט נישט געקענט אויף איר. איז געקומען דארטן א 'סוחר', האט זי געזאגט: יא יא, מען וועט אהיימקומען, מען וועט מאכן א גרויסע שמחה, מען וועט מאכן, איך וועל דיר דערציילן ווער איך בין. שפעטער מיטן 'מלך' - האט זי אפגעשטופט, נאכנישט.. און שפעטער מיט די **'גזלנים'** – [האט זי זיי געזאגט:] יא מען וועט מאכן, מען וועט זיך נעמען אלע צוזאמען, און מען וועט מאכן א.. מען וועט געבן צו טרינקען. בקיצור, אזוי האט זי אפגעשטופט, און אזוי האט זי זיי אויס גע'שחט'ן. אזוי האט זי אפגעשטופט ווייטער (מיט די גאנצע

---

דער, האט זי אלץ געזאגט 'ווארט צו, ווארט צו', ביז מען וועט זיך קענען, וואס איז דער 'ווארט צו'? נאר אז זי וויל אפשטופן אים: 'איצטער נישט, ווארט אביסל צו', ווארט אביסל צו, מען וועט קומען אהיים חתונה האבן כדת וכדין.

זי האט דאך געזעהן אז ער האט געוואלדיגע כוחות און זי קען אים נישט זאגן מיטן מויל 'ניין!', זאגט זי אים: **'יא, גאנץ גוט, אבער ווארט צו, ווארט צו! שפעטער, נישט איצטער!** מען האט איר געוואלט טאן און טאן און טאן, און מיט וואס איז זי ניצל געווארן? טאקע דער ערשטער בן המלך, ער איז געקומען טאקע: "און דו בן מלך קום אהער, לאמיר אהיים פארן. האבן זיי זיך אומגעקערט אהיים", **נאר מיט דעם כח פון ווארט צו! ווארט צו!**
(ושם בהמשך:) מען דערמאנט זיך אז עס קומט צו גיין א שידוך, עס איז אלץ פאלשע שידוכים, דער אמת'ער שידוך איז נאר געווען די בת קיסר מיטן בן המלך, דאס איז דער אמת'ער שידוך. און עס איז דא אלע מאל נייע שידוכים, א בן הסוחר, דא א שיף מיט סחורה, און ווייטער - א מלך, אלץ נייע שידוכים, און זי ווייסט אז דאס איז אלס פאלשע שידוכים, דאס איז נישט דער שידוך - דער יחוד, וואס דערין הענגט אן דער תיקון העולם. און וואס זאל זי טאן? שטופט זי אפ אויף שפעטער, פארקערט זי זאגט יענעם: איך פריי זיך, אבער שפעטער! **מיט דעם 'שפעטער' העלפט דער אויבערשטער, כל ימי חייו ווערט ער ניצל, און גייט אהיים... דאס איז א געוואלדיגע עצה אין אידישקייט, 'יא, אבער נישט איצטער, שפעטער!'**

מעשה מיט דער שיף פונעם בן המלך הזקן וכו'), **ביז זי איז אנגעקומען צו איר ריכטיגן, און זי האט זיך אומגעקערט אהיים..**

**זאגט ער** (רלוי"צ:), **אז דאס איז דער סוד ווי אזוי מ'קען אריבער גיין די גאנצע מלחמת היצר: מיטן אפשטופן אים, מ'שטופט אים אָפּ** (זאגן פארן יצה"ר: ווארט אביסל, שפעטר..) נה. **אבער א מענטש איז א נארוויזער, "וְאָץ בְּרַגְלַיִם חוֹטֵא** נו**", ער דארף שוין! ער דארף.**

**ער מיינט ער ליידט פון תאוות - ער ליידט נישט פון תאוות, ער ליידט פון כעס, ער ליידט פון דעם אז ער איז א כעס'ן, אז וואס עס גלוסט זיך אים, ער מוז עס פשוט. קען זיין ער איז א קנאפער** (סתם) **בעל תאווה'ניק -**

---

**נה.** ראה ליקו"ה גזילה ה, ז: כִּי כָּל הָעֲבֵרוֹת וְהַפְּגָמִים שֶׁל כָּל בַּעֲלֵי עֲבֵרָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, נִמְשָׁךְ רַק מִבְּחִינַת דּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַמְתִּין כִּי אֵין הַיֵּצֶר הָרָע מָצוּי אֶלָּא לְשַׁעְתּוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וְאִם הָיָה מַמְתִּין אֵיזֶה שָׁעָה הָיָה זוֹכֶה בָּעוֹלָם הַזֶּה וְעוֹלָם הַבָּא וכו' עיי"ש.

**נו.** [משלי יט, ב] וראה בזוהר ויקרא דף מט: מַאן דְּאִתְלְהִיט בְּיֵצֶר הָרָע, בְּלָא רְעוּתָא וְכַוָּונָה דְּלִבָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. מִסִּטְרָא דְּיֵצֶר הָרָע אִתְמְשַׁךְ עָלֵיהּ נַפְשָׁא, דְּלָאו אִיהִי טוֹב, הֲדָא הוּא דִכְתִיב גַּם בְּלֹא דַעַת נֶפֶשׁ לֹא טוֹב וְאָץ בְּרַגְלַיִם חוֹטֵא. **מַאן דְּאִיהוּ אָץ בְּרַגְלַיִם וְדָחֵי שַׁעֲתָא בְּלָא רְעוּתָא קַדִּישָׁא, חוֹטֵא. חוֹטֵא וַדַּאי, בְּכֹלָּא.**

וראה באוצר היראה תשובה אות כ: **כָּל הָעֲבֵרוֹת וְהַפְּגָמִים חַס־וְשָׁלוֹם, בָּאִים עַל־יְדֵי בְּחִינַת בֶּהָלָה, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר: וְאָץ בְּרַגְלַיִם חוֹטֵא.** וְעַל־כֵּן נִקְרָא הַחוֹטֵא מְשֻׁגָּע וּמְבֹהָל, כִּי אֵינוֹ מַמְתִּין לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ הֵיטֵב מַה יִּהְיֶה הַתַּכְלִית מִכָּל זֶה. וְעַל־כֵּן עִקַּר תִּקּוּן הַחֲטָאִים שֶׁהוּא עַל־יְדֵי תְּשׁוּבָה, הוּא בִּבְחִינַת מְתִינוּת וְהַמְתָּנָה, כְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ ז"ל הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּיעִין לוֹ אוֹמְרִים לוֹ הַמְתֵּן וכו' כִּי בִּבְחִינַת הַתְּשׁוּבָה בְּעַצְמָהּ צָרִיךְ גַּם־כֵּן לִהְיוֹת מָתוּן וּמְיֻשָּׁב בְּדַעְתּוֹ, וְלֹא יִהְיֶה נֶחְפָּז וּמְבֹהָל, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁבְּוַדַּאי צָרִיךְ לְזָרֵז אֶת עַצְמוֹ מְאֹד לָרוּץ בְּכָל כֹּחוֹ לְהַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים וְהַנִּלְוִים אֲלֵיהֶם, לְקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְגַם בְּהָעֲבוֹדָה בְּעַצְמָהּ צָרִיךְ זְרִיזוּת גָּדוֹל וכו' אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הֶכְרֵחַ לְהַמְתִּין גַּם־כֵּן, שֶׁלֹּא יִתְבַּלְבֵּל עַל־יְדֵי הַבֶּהָלָה כָּל עֲבוֹדָתוֹ לְגַמְרֵי חַס־וְשָׁלוֹם. כִּי גַּם אַחַר כָּךְ בְּוַדַּאי צְרִיכִין לַעֲבֹר עָלָיו עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת הַרְבֵּה, וְהוּא צָרִיךְ לִהְיוֹת מָתוּן וּמְיֻשָּׁב וְלֹא יֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ מִשּׁוּם דָּבָר, רַק לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה, אֵיךְ לְהִתְחַזֵּק וְלַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּעֲלִיָּה וּבִירִידָה, שֶׁזֶּה עִקַּר הַבְּקִיאוּת שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁצָּרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בְּעָיֵיל וּבְנָפִיק וכו'. וְעַל־כֵּן עִקַּר דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה נִשְׁלָם בְּשַׁבָּת, כִּי אָז נִמְשָׁךְ בְּחִינַת מְנוּחַת שַׁלְוָה וְהַשְׁקֵט וָבֶטַח, בְּחִינַת מְתִינוּת וְיִשּׁוּב הַדַּעַת הַנַּ"ל, וְעַל־כֵּן אֲפִלּוּ פְּסִיעָה גַּסָּה אָסוּר לִפְסֹעַ בְּשַׁבָּת, כִּי שְׁלֵמוּת הַתְּשׁוּבָה הִיא בִּבְחִינַת מְתִינוּת כַּנַּ"ל. (הלכות שבת הלכה ז אות יט ל לא).

אבער דער ברען אז וואס ער וויל מוז ווערן אויסגעפירט. דאס איז דער פראבלעם זיינער, אבער טאמער ער ווערט אביסל א קאלטער (- ווערט אלעס גרינגער..).

## זיין אין מירון נאר מיט אריכות אפיים!

ער פלעגט זאגן - ר' **נתן דוד שפירא** [א זוהן פון ר' שמואל] פלעגט זאגן - אז מ'קומט אין מירון, ווען מ'וויל פארברענגען אין מירון. יענע יארן איז דער פארברענגען אין עבודת השם געווען אין מירון - פלעגט ער זאגן: אז מ'וויל פארברענגען אין מירון, דארף מען האבן קאלטע נערוון! אין מירון צו קענען זיין, איז נאר ווער ס'האט קאלטע נערוון.

ווער ס'דארף יעדער זאך זאל קלאפן, קען נישט אויסהאלטן דארטן. ווער ס'האט קאלטע נערוון, ווער ס'זאגט יעצט איז נישט דא צו עסן, בסדר באלד וועט זיין.. - אינמיטן קומט אונטער, אינמיטן ברענגט איינער עפעס צו עסן, אינמיטן ברענגט איינער. האסט נישט א נארמאלע פלאץ צו שלאפן - אינמיטן ווערט פריי א בעט, אינמיטן כאפסטו אפָאר שעה, מ'שלאפט. ווער ס'האט קאלטע נערוון; ס'איז נישט אז יעדער זאך; ער מוז, ער מוז! - אז מ'האט קאלטע נערוון קען מען. דאס איז דער סוד פון ארץ ישראל - "אריכת אפיים"!

**מ'זאגט אויף די 'ארץ-ישראל'דיגע', אויף די סאברעס** (כינוי לבני ירושלים)**: 'אזעלכע קאלטע'.. - דאס איז דער כח פון ארץ ישראל, מ'ווערט אזעלכע קאלטע מענטשן, ס'ברענט נישט, ס'ברענט נישט..** אנדערע מענטשן, ס'מוז זיך מסדר זיין אויפן בעסטן אופן - וואס לענגער מ'איז אין ארץ ישראל, פלוצלונג פארלירט מען, מ'ווערט א לויזער מענטש.

וואס לענגער מ'וואוינט אין ארץ ישראל ווערט אלץ איז 'לאו דווקא'. יא, אוודאי אז דו וועסט מיר צושטעלן, וועסט מיר צושטעלן, בין איך מסכים צו נעמען - אבער ביז דערווייל איז אויך גוט. דאס איז דער כח פון 'אריכות אפים'!

פון וואנעט ווערט מען אזא קאלטער מענטש - אז מ'ברענט אויף ארץ ישראל ווערט מען קאלט אין אנדערע זאכן. ווערט מען א קאלטער מענטש, דער ברען גייט אריין צום ריכטיגן פלאץ.

על כל פנים, זאגט ער (דער רבי ז"ל) - דער גאנצער קדושת ארץ ישראל איז דער ברען אויף ארץ ישראל. און נאך מער, דער רבי זאגט דארטן, אז דורכן ברענען אויף ארץ ישראל, איז מען טאקע זוכה צו אמונה. אמונה דאס מאכט דער מענטשן קאלט - אז ער גלייבט אז אלץ איז פון אויבערשטן, ממילא ווערט ער נישט צוקאכט. אז דער רבונו של עולם האט אים נישט געגעבן, ווערט ער נישט צוקאכט.

זאגט דארטן דער רבי[נז] אז יעדן טאג ביים דאווענען, מ'בעט אויף ארץ ישראל, מ'בעט דארטן ביי 'אהבת עולם' אז מ'זאל זוכה זיין "**ותוליכנו מהרה קוממיות לארצנו**" - מ'בעט אויף ארץ ישראל. איז בכח דעם וואס מען בעט (און מען בענקט) אויף ארץ ישראל, איז נאכדעם זאגט מען "אמונת היחוד" פון קריאת שמע – באקומט מען טאקע אמונה, **נאר פון בעטן אויף ארץ ישראל באקומט מען שוין אמונה!** דער בעטן אליין, דער רצון אליין, טוט שוין אויף מוראדיג'ע זאכן..

## ס'איז שוין צייט צו רעדן..

על כל פנים, מ'רעדט דא וועגן דעם ראש השנה - דער רצון אויף ראש השנה דאס איז דער עיקר! דער רצון אויף ראש השנה, דער רצון פאר 'זיך', דער רצון אז אלע זאלן זיין, דער קאָך אויף דעם, דער ברען - -

**נז.** שם בתורה קנ"ה: וְזֶה שֶׁקֹּדֶם קְרִיאַת שְׁמַע, שֶׁהוּא אֱמוּנַת הַיִּחוּד, אָנוּ מְבַקְשִׁים וְהוּא יוֹלִיכֵנוּ קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ הַיְנוּ שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכִים לֶאֱמוּנָה הַיְנוּ קְרִיאַת שְׁמַע, שֶׁהוּא אֱמוּנָה.

מ'דארף וויסן אז **"לא מבעיא אתם כולכם תלויים בראש השנה שלי, אלא כל העולם כולו תלוי בזה"** - וויסן אז מ'רעדט דא אז די גאנצע וועלט איז תלוי, די גאנצע וועלט איז תלוי אין דעם ראש השנה! זיך מצטער זיין, זיך קרענקען אויף דעם.. מ'דארף קרענקען אויפן ראש השנה – רחמנות! רחמנות אויף אונז און אויף די גאנצע וועלט..

מ'זאל זוכה זיין ס'זאל זיין דער הייליגער רבי'נס ראש השנה. דער פאבריק! דער פאבריק! די המתקה פון די וועלט זאל זיין, מ'קען נישט מעלה זיין על הדעת חס ושלום ס'זאל זיין געשטערט - -

אבער וואס מ'דארף איז - ס'זאל זיין צוזאמען, ס'זאל זיין אהבה, ס'זאל זיין אהבה!

דער כח, אפילו בפשיטות, ווען ס'איז דא אהבה און מ'ארבעט צוזאמען, אלעס קוקט אויס אנדערש! אז איינער טראכט נישט פון צווייטן, איינער צוטרעט דעם צווייטן - איז דער כח אסאך שוואכער, מ'קומט אָן ווייניגער. אבער מ'קען גארנישט טאן צו דעם - נאר רצון, רצון מיט תפילה, רצון מיט תפילה, אמונה..

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן זוכה זיין צו זיך שטארקן אין דעם הייליגן ראש השנה.

**ס'איז שוין צייט צו טראכטן פון ראש השנה**; ס'איז שוין צייט צו רעדן פון דעם ברבים, שוין צייט צו זיך פארען מיט דעם במחשבה בדיבור במעשה. וואס מ'קען טאן, מיט געלט און מיט רצון און מיט טירחא, אלץ וואס מ'קען טאן פאר זיך און פאר אנדערע.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל אלץ נתקבל ווערן למען שמו יתברך, למען כבוד הצדיקים, למען דעם הייליגן רבי'ן - און אונז זאלן טאקע זוכה זיין צו די המתקה פון דעם הייליגן ראש השנה.

## יְמֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה מְמַשְׁמְשִׁים וּבָאִים...

**ס'איז שוין צייט צו טראכטן פון ראש השנה!** ס'איז שוין צייט צו רעדן פון דעם ברבים, שוין צייט צו זיך פארען מיט דעם במחשבה בדיבור במעשה. וואס מ'קען טאן, מיט געלט און מיט רצון און מיט טירחא, אלץ וואס מ'קען טאן פאר זיך און פאר אנדערע..

*

אין יאר תקצ"ו איז ר' נתן זוהן געווען פארזארגט וועגן ראש השנה, שרייבט אים ר' נתן: **ס'איז זייער גוט אז דו זארגסט, אבער אף על פי כן, דארפסט נישט אזוי מורא האבן..** איך האף אז ס'וועט נישט זיין אזעלכע מניעות - ס'וועט נישט זיין אזעלכע מניעות, און אויך נישט ווייניגער.

אביסל מניעות וואס ס'איז דא, איז ווייל מ'דארף האבן חשק. אבער דער ראש השנה דארף נישט אנקומען מיט אזעלכע שווערע מניעות - **אז ס'איז דא אזעלכע שווערע מניעות דארף מען עס ממתיק זיין...**

*

די גאנצע וועלט דארף דעם רבי'נס ראש השנה "כל העולם כולו תלוי בזה"! **מ'דארף מאכן א כרוז אז אלע זאלן זיין 'איש בל יעדר'!** דאס דארף זיין אויך די רצונות - אז אלע זאלן זיין..

דער רצון אויף ראש השנה דאס דער עיקר! דער רצון אויף ראש השנה; דער רצון פאר 'זיך', דער רצון אז אלע זאלן זיין, **דער קאָך אויף דעם, דער ברען - -**

(מתוך השיעור)

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא**

**לתרומות**

ירושלים:
**הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו**
05331.93747

בית שמש:
**הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו**
05341.52325